STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05107

SEFER HA-SHANAH SHEL HISTADRUT BENE ERETS YISRAEL BA-AMERIKAH

Fed. of Palestine Jews of America

Permanent preservation of this book was made possible
by Sharyn L. Ross & Jeffrey Thal
in honor of
their children, Kathryn Anya & Alexander Forrest

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר השנה

של

הסתדרות בני ארץ ישראל באמריקה

מקדש לועידה השנתית השניה

כ"ט—ל' סיון התרצ"א

מלון פנסילבניה

ניו־יורק

תכן הענינים

דף

מעז יצא מתוק — הרב יוסף מאיר מרגלית 1
קורצער באריכט פון דער קאנווענשאן, 1930 4
הסתדרות לשם הסתדרות—הרב יחיאל מיכל חרל"פ 10
כלפי המבקרים—הרב יעקב ליב מונשטר 13
ולציון יאמר...—הרב מאיר ברלין 16
מטרתנו—יוסף גבריאלי 17
איך איך אדמת קודש? רוחי לך הומיה—הרב ח. הירשנזאן 20
די פיאנירען און בויער פון ישוב—א. ה. מלאכי 24
אויפגאבען פאר דער הסתדרות—הרב אהרן טייטעלבוים 28
א קורצער איבערבליק פון אגודת בני א"י פון שיקאגא—דר. ח"י גארדאן 32
די אגודת בני ארץ־ישראל אין ניו יארק—ד. מנדלזון 36
תוצרת הארץ—ח. צ. רובין 38
המוסדות הכספיים בארץ ישראל—ה. 40
הקימו הנהרסות—הרב יוסף ברובסקי 42
ברכות ומודעות

ושבו בנים לגבולם

סדר היום

— של —

הועידה השנתית השניה של הסתדרות בני ארץ ישראל באמריקה

במוצאי שבת וביום הראשון ערב ראש־חודש תמוז (13-14 ביוני, 1931)

במלון פנסילווייניא, ניו־יורק.

ישיבה ראשונה: מוצאי שבת בשעה 10

פתיחה (בשם ועד המכין .... משה אליאך
ברכה מאת נשיא הכבוד .... הרב חיים הירשנזון
נאום הנשיא .... הרב יחיאל מיכל חרל״פ
דין וחשבון .... הרב יעקב ליב מונשטר, מזכיר
דו״ח כספי .... הרב אורי פלשין, גזבר

בחירות פקידי הועידה. בחירות ועדים.

ישיבה שניה: יום הראשון בשעה 10 בבוקר.

ברכה .... הרב יעקב זאב רדלהיים
ברכות מאת באי־כח האגודות וההסתדריות הלאומיות ואורחים חשובים
הרצאה על עבודתנו בארץ........................הרב יוסף גבריאלי, יו״ר ועד הפועל

וכוחים כלליים

דין־וחשבון ועדת המנדטים.

ישיבה שלישית: יום הראשון בשעה 2 אחרי הצהרים

הרצאה על הסתדרותנו בעתיד ....דר׳ חיים יעקב גורדון

דין־וחשבון ועדים

(הסתדרות, עבודת הישוב בארץ־ישראל, מוסדות הישוב בא״י, עזרה לבני ארץ־ישראל ועוד)

וכוחים והחלטות

בחירות

נעילה

ביום הראשון שעה שמונה בערב— סעודת חברים במסעדה של סופר ברחוב 28, קרן ברודביי, בניו־יורק.

הרב יוסף מאיר מרגליות.

מעז יצא מתוק

מיר לעבען אין א מאָדערנע ציוויליזירטע צייט ווען עס איז אן אבסאָ־לוטע און־נויטיגקייט אויפצוקלעהרען די בעדייטונג און וויכטיגקייט פון אָר־גאניזאציע. אָרגאניזאציע, פארשטעהט היינט יעדער איינער, איז דער פאר־איינינגטער כח פון א צבור וואָס דארף דיענען ניט בלויז אויף צו בעשיצען זיך אין א צייט פון סכנה, און מיט דער דאָזיגער קראפט פארשטויסען אן אנגעיאָגטע צרה אזוי אז די גאנצע פונקציע זאָל בלויז זיין א נעגאטיווע, זאָנדערן דארף זיין א שאפענדער בויאונגס קראפט פון א פאָזיטיווען כאראקטער, אן אקטיווער פאקטאָר אין דעם לעבען פונ׳ם צבור אונאבהענגיג פון געוויסע אומשטענדען אָדער געוויסע צייטען.

אין מעהר פשוט׳ע ווערטער: אָרגאניזאציע, אין א מאָדערנע אויפ־פאסונג, איז דער כח וואָס לאָזט ניט צו קיין געשאפענע מעגליכקייט פון אן אנגריף און ניט בלויז א כח ההגנה דעמאָלט ווען דער אנגריף איז שוין דאָ; אָרגאניזאציע דארף זיין א פונקציע פון א בויענדען "לכתחילה" און ניט א פראָדוקט פון א טרויעריגען "בדיעבד"...

יא, עס איז קלאָהר און פארשטענדליך, אָבער ווי עס איז דער פאל אין אנדערע זאכען אינ׳ם צבור׳שען לעבען איז עס אויך אין דיעזען פאל. אזוי לאנג ווי עס קומט ניט דער אויסערליכער דרוק, זיינען די אינערליכע כחות ווי איינגעשלאָפען, דער כח הבונה ערוואכט ניט פון זיך אליין אזוי לאנג ווי ער ווערט ניט אנגעטראָפען פון דעם כח הסותר. ס׳איז דער אלטער כלל פון דעם "אח לצרה יולד", בלויז די צרה פראָדוצירט די ברידערליכקייט...

אָט דער זעלבער גורל האָט אויך געטהיילט זיין אייגענטימליכען כא־ראקטער אונזער ניי געשאפענע אָרגאניזאציע: "הסתדרות בני ארץ־ישראל באמריקה וקנדה".

עס זיינען געמאכט געוואָרען עקספערימענטען אין פארשיעדענע צייטען צו לייגען דעם גרונדשטיין פאר אן אָרגאניזירטע קערפערשאפט פון די ארץ־ישראל אידען אין אמעריקא, אָבער די דאָזיגע עקספערימענטען האָבען זיך ניט איינגעגעבען, און אלץ צוליעב די דערמאָהנטע אורזאכע וואָס א יצירה אין א נאָרמאלער צייט אָהן א פראָצעס פון חבלי לידה קוקט גראדע אויס צו זיין ניט קיין נאָרמאלער פראָדוקט... און וואָס מעהר די צייט פון דער שאפונג איז און־נאָרמאל אלץ מעהר קוקט די יצירה אויס צו זיין נאָרמאל.. האָט דעריבער אויך די יצירה פון אונזער הסתדרות געמוזט ווארטען אויף "בעסערע" צייטען וועלכע זאָלען איהר מאכען רייף גענוג און פארזיכערען איהר קיום.

און אַט די „בעסערע" צייטען זיינען ענדליך געקומען. דאָס זיינען געווען די טרויעריגע שוידערליכע טעג פון די שחיטות אין ארץ־ישראל—י"ז־כ"ד מנחם־אב, תרפ"ט.

אַט דער פּלוצליכער „רגזה ותרעש הארץ" וואָס האָט אויפגעשטורעמט די מיליאָנען אידען אין דער גאנצער וועלט, האָט נאטירליכערווייזע זיך פיעל שווערער אָבגעדריקט אויף די געמיטער פון די ארץ־ישראל אידען וועלכע האָבען זיך בעטראכט אַלס די קרובים אל החלל, ניט בלויז מליצה'דיג נור בוכשטעבליך. איצט איז שוין ניט מעהר נויטיג געווען צו געברויכען באזונדערע אנשטרענגונגען צו שאפען אַן אָרגאניזאציע, די אָרגאניזאציע האָט זיך פון זיך זעלבסט געשאפען. די שבלים בודדות פון די ארץ־ישראל אידען אין אמעריקא האָבען זיך אַטאָמאַטיש גרופּירט, און עס איז גענוג געווען בלויז איין וואונק און אַלע ווי איין מענש האָבען זיך געצויגען צום פּונקט פון צענטראליזאציע.

די ערשטע ארבייט פון דער אָרגאניזאציע איז געווען און האָט נאטירליך אויך געדארפט זיין די הילף פאר דעם "עמוירדזשענסי פאָנד" פאר די געליטענע אין ארץ־ישראל, און כאָטש די דאָזיגע ארבייט איז געטאָהן געוואָרען אויף אַ גאַנץ גרויסען מאסשטאב דורך דער "פּאַלעסטיין עמוירדזשענסי קאָמיטע", וואָס איז צו יענער צייט געשאפען געוואָרען אין ניו יאָרק, און די א"י אידען אין אמעריקא זיינען אין דיעזען הינזיכט ניט געווען קיין פּורשים מן הצבור, האָבען די לעצטע אָבער קאָאפּערירט מיט די ערשטע אַלס אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאפט, און פון אונטער די דאָזיגע רעליעף ארבייט איז שוין געווען צוגעגרייט דער באָדען פאר אַ פּערמאנענטע אָרגאניזאציע וועלכע זאָל פונקציאָנירען אויך נאָך דעם "יעבור זעם". די רעליעף ארבייט האָט אין דעם פאַל געדיענט בלויז אַלס די חבלי לידה פון די דאָזיגע יצירה, די יצירה אליין איז שוין אָבער גלייך איבערגעגאנגען אין אַן אנדער ריכטונג, די ריכטונג פון אַ לכתחילה און ניט פון אַ דיעבד.

מעז יצא מתוק!

עס איז ענדליך דאָ מקוים געוואָרען דער בעקאנטער „מעז יצא מתוק" וועלכער איז געבראכט געוואָרען צם אויסדרוק ביים ערשטען קאָנפערענץ וואָס איז אָבגעהאלטען געוואָרען אין ניו יאָרק פאָריגען זומער ווען עס איז געלייגט געוואָרען דער גרונדשטיין פאר די הסתדרות.

פון די באריכטען און רעפּאָרטען וואָס קומען אריין אין דיעזען ספר־השנה וועלען די פאראינטערעסירטע זיך שאפען אַ באגריף וועגען די ארבייט וואָס איז געטאָהן געוואָרען אין פארלויף פון דעם ערשטען יאָהר, און לויט דעם כלל פון „כל ההתחלות קשות" וועט דיעזער באריכט, ווי מאָגער ער זאָל ניט זיין, דאָך ניט דארפען שאפען קיין פעסעמיסטישע שטימונג אין באצוג צו די ערוואַרטעטע מעגליכקייטען אין דער צוקונפט. עס האָט ניט געקענט ערוואַרטעט ווערען אין איין יאָהר אויפצובויען אַ פאָלקאָמען בנין, אזעלכע זאכען מוזען קומען שטופענווייז. דער עיקר איז בלויז דער יסוד. אויב ער, דער יסוד, האָט אַ געזונטען באָדען אונטער זיך וועט ער שוין במילא זיין שטארק גענוג צו

טראָגען דעם גאנצען בנין. און דיעזער יסוד, לאָזט זיך גלויבען, איז שוין ענדליך געלייגט געוואָרען.

און — אַ וואָרט צו די חשוב׳ע דעלעגאטען.

עס איז נאָך ליידער א טרויעריגער אמת אז די געדריקטע שטימונג אין באַצוג צו ארץ־ישראל איז נאָך איצט אויך ניט פאראיבער. די פּאָליטישע פּאָגראָמען וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט די געשעהענישען פון אב תרפ״ט, זיינען נאָך צום באַדויערען אַ זאך פון דער געגענווארט. דער פאקט אָבער אז די ארץ־ישראל אידען אין ארץ־ישראל גופא זיינען דאדורך ניט ענטמוטיגט געוואָרען, און זעצען פאָרט מיט ווירדע און שטאָלץ זייער בוי־טעטיגקייט אויף אלע געביטען, אָט דער פאקט דארף געווים דיענען פאר אונז אָלס ביישפיעל פאר ערמוטיגונג אין אונזער ארבייט.

תחזקנה ידיכם, צירים יקרים!

דער ארץ־ישראל איד איז בטבע גענויגט צו אויפריכטיגקייט, ער איז ניט קיין שוועכלינג און פארלירט זיך ניט אפילו אין די ערגסטע צייטען. דער היינטיגער קאָנווענשאָן וועט אונז אָנצייכענען די ליניען שטריכען פאר א ברייטע פּראָגראמאטישע און סיסטעמאַטישע ארבייט פאר דעם קומענדען יאָהר, און ווען מיר וועלען מיט דער פולער מאָס אויפריכטיגקייט און ארץ־ישראל׳דיגען אָפּטאמיזם זיך ארייננווארפען אין די רייהען פון די דאָזיגע ארבייט וועט עס אָהנע צווייפעל פיהרען צו די עררייכונג פון פּראקטישע פארווירקליכונג פון אונזער פּראָגראם.

הזורעים בדמעה — ברנה יקצורו!

(קורצער באַריכט פון דער קאָנוועגשאָן פון די הסתדרות בני ארץ ישראל באמריקה, אָפּגעהאלטען אין פּענסילווייניע האָטעל, ניו־יאָרק, דעם 6טען דזשולאַי, 1930.)

דיא קאָנוועגשאָן פון די בני ארץ ישראל איז געעפּענט געוואָרען זונ־טאג, דעם 6טען דזשולאי, אום 11 אזייגער פריה, אין פּענסילווייניע האָטעל, נ. י., דורך רבי יוסף גבריאלי, טשערמאן פון ועד המכין, אין דער אנוועזענהייט פון אייניגע הונדערט דעלעגאטען און געסט פארטרעטענדיג פיעלע אגודות און חברות פון די בני ארץ ישראל פון ניו יאָרק און אנדערע שטעדט.

דער טשערמאן ערקלעהרט אז דער הויפּט ציעל פון דער קאָנוועגשאָן דארף זיין צו שאפען א שטענדיגע פעדעראציע פון ארץ ישראל אידען אין לאנד באשטעהענדיג פון אלע קלאסען פון ישוב, וועמעס הויפּט אויפגאבע זאָל זיין צו ארבייטען פאר דעם וואוילזיין פון די בני ארץ ישראל אין אמעריקא און ערמעגליכען זיי צוריק־צוקעהרען זיך צו אונזער היימלאנד, ווי אויך צו קאָ־אפּערירען מיט אלע אנדערע נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס פאר די ארבייט פון בנין הארץ.

דער עקטינג פּרעזידענט פון ועד הזמני פון דער הסתדרות, הרב יחיאל מיכל חרל"פ, באגריסט די דעלעגאטען און געסט און גיט איבער א באריכט פון די ארבייט פון ועד הזמני. ער באריכטעט דאָס דער ועד הזמני האָט אי־בערגעשיקט אייניגע טויזענד דאָלאר פאר די "נגועי הפרעות" פון לעצטען זומער אין ארץ ישראל, אויסער גרעסערע סומען וואָס זיינען געשאפען געוואָ־רען פון די אגודות בני ארץ ישראל אין ניו יאָרק און שיקאגאָ.

נאָכדעם ווי חזן מ. וויים מאכט אַן הזכרה נאָך די קרבנות פון ישוב, רופט אויף דער טשערמאן די פאָלגענדע וויכטיגע געסט צו באגריסען די קאָנ־וועגשאָן: הגאון ר' חיים הירשענזאָן, איינער פון די גדולים פון ארץ ישראל און אמעריקא, הרב ר"א טייטעלבוים, מיטגליד פון מרכז העולמי פון מזרחי, הרב ר"י רעדעלהיים, דער רב פון דער אגודת בני ארץ ישראל אין ניו יאָרק, מר. גדליה בובליק, פּרעזידענט פון דעם אמעריקאנער מזרחי, הרב ר"מ שאַפּירא פון אַטלאַנטיק סיטי, הרב רי"מ מרגליות, דר. ח. י. גאָרדאָן אין נאָמען פון שיקאגאָ'ער בני ארץ ישראל, הרב ר"ז ראַגין, הרב ר"מ מוינעשטער, הרב ר"מ רייזמאן און אנדערע.

דער סעקרעטער, מ. אליאך, לייענט פאַר באַגריסונגען פון הרב הראשי הגאון ר' אברהם יצחק הכהן קוק, פעליקס מ. װארבורג, ריכטער דזשוליאן װ. מעק, הרב ר' ישראל ראָזענבערג, עהרען פרעזידענט פון אגודת הרבנים, דר. י. ראפּאלאָװיץ, רב הכולל פון בראזיליע, בערנארד ס. דויטש, פּרעזידענט פון איי־דישען קאָנגרעס, צבי מאַנישעװיץ, סינסינעטי, הרב פּורת קליװלאנד, הרב ענגלענדער און הרב צבי רובינשטיין, שיקאגאָ, הרב נעבעס, לאָס אנדזשעלעס, משה װרובעל, אהרן סיגעל, ש. גאָלדמאַן, הרב א. שטאַמפּפער, מעמפיס, און די הסתדרות תלמידי ארץ ישראל אין קאַליפאָרניא.

דער טשערמאַן באַשטימט 4 קאָמיטעס: א קאָמיטע פאַר אָרגאַניזאַציע מיט הרב שאַפּירא אַלס יו"ר; א רעזאָלוציאָנס קאָמיטע מיט הרב דר. ש. בענדזשאמין אַלס יו"ר; אַ נאָמינאַציאָנס קאָמיטע מיט מר. משה ריבלין יו"ר און קרעדענשעל קאָמיטע מיט מר. װ. װערבער יו"ר.

די נאָכמיטאַג זיצונג איז געעפענט געװאָרען 3 אזייגער, מיט דר. ש. בענדזשאַמין אַלס פאָרזיצער. עס װערען פאַרהאַנדעלט די באַריכטען פון דער אָרגאַניזאַציאָנס און רעזאָלוציאָנס קאָמיטעס, און זייערע באַריכטען װערען אָנגענומען, נאָך לאַנגע דיסקוסיעס אין װעלכע פיעלע דעלעגאַטען האָבען זיך באַטײליגט. די אָװענט זיצונג װערט אָפּגעגעבען צו דעם באַריכט פון דער נאָמינאַציאָנס קאָמיטע, און די ערװעהלונג פון בעאַמטע אין דער עקזעקוטיװ.

די קאָנװענשאָן װערט געשלאָסען מיט װאַרימע רעדעס פון די רבנים חרל"פ, טײטעלבוים און רעדעלהיים, און מיט דעם געזאַנג פון התקוה.

רעזאָלוציעס פון דער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע.

1. די נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון אַלע אגודות פון די בני ארץ ישראל פאַרזאַמעלט אין פּענסילװייניע האָטעל, ניו־יאָרק, י' תמוז תר"ץ (יולי דעם 6טען), באַשליסט צו גרינדען אַ פעדעראַציע פון ארץ ישראל אידען אין יונייטעד סטייטס און קענעדע.

2. דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע זאָל זיך רופען „הסתדרות בני ארץ־ישראל אין אַמעריקא און קענעדע".

3. די צװעקען:

א. אליין צו אַרבייטען און צו העלפען די אַנטװיקלונג פון ישוב אין ארץ ישראל צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַני־זאַציעס, װעלכע אַרבייטען פאַר'ן אויפבוי פון אונזער לאַנד.

ב. צו ערמוטיגען דעם צוריקקעהר פון ארץ ישראל אידען נאָך ארץ ישראל.

ג. געמיינשאַפטליך צו העלפען ארץ ישראל אידען אין אַמעריקא און קע־נעדע מאַטעריעליש, װי אויך אָנצוהאַלטען דעם קולטורעלען ארץ ישראל לעבען אין זייערע היימען.

ד. אין דער הסתדרות געהען אריין אגודות און חברות פון ארץ ישראל אידען אין אמעריקא, אויך יחידים, וועלכע האָבען געוואוינט מיני־מום צוויי יאָהר אין ארץ ישראל.

ה. יעדער אגודה זאָל צאָהלען צו דער אָרגאַניזאַציע פאַר יעדען מעמבער פון זייער אגודה 50 סענט (חצי שקל), יחידים וועלכע בעלאַנגען ניט צו קיינע אגודות, דארפען צאָהלען מינימום איין (1.00) א יאָהר.

ו. עס זאָל גערופען ווערען אַ יעהרליכע קאָנווענשאָן צו וועלכע עס זאָלען געשיקט ווערען דעלעגאַטען פון יעדער אגודה. איין דעלעגאַט פון יעדע 25 מעמבערס. יחידים קענען פאַר דער קאָנווענשאָן ביי א ספּעציעלען קאָנפערענץ אויך ערוועהלען איין דעלעגאַט צו יעדע 25.

ז. די הסתדרות זאָל געפיהרט ווערען פון אַן עקזעקוטיוו קאָמיטע פון 15: איין נשיא, 4 סגנים, איין יו"ר ועד הפועל, איין מזכיר און איין גזבר.

ח. עס זאָל ערוועהלט ווערען א ועד הראשי פון 30 חברים פון וועלכע עס זאָלען זיין 15 פון ניו יאָרק און 15 פון אנדערע טיילען פון לאַנד.

רעקאָמענדאַציעס.

1. די אדמיניסטראַטיווע קאָמיטע זאָל שאַפען פון זיך 2 קאָמיטעס איינע פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אינפאָרמאַציע וועגען אַלץ וואָס איז נוגע ארץ ישראל, און איינע וועלכע זאָל זיך אינטערעסירען צו העלפען מיט ראַט און טהאַט פאַר דער מאַטעריעלער און גייסטיגער לאַגע פון די ארץ ישראל אידען אין אמעריקא.

2. דער עקזעקוטיוו סעקרעטאַר זאָל זיין אַ באַצאָהלטער באַאַמטער, וועלכער זאָל האָבען אויף זיך די פליכט צו אָפּגעבען זיין גאַנצע צייט פאַר זיין אמט.

רעזאָלוציעס פון דער רעזאָלוציאָנס קאָמיטע.

1. די הסתדרות בני ארץ ישראל אויף איהר ערשטען קאָנפערענץ אָפּגעהאַלטען דעם 6טען יולי, 1930, אין פענסילווייניע האָטעל, דריקט אויס איהר שטאַרקסטען פּראָטעסט געגען דער האַנדלונג פון דער "לייבאָר רעגירונג" פאַר דעם אָפּשטעל פון אימיגראַציע דורך צוריקציהען די באַשטעטיגטע סער־טיפיקאַטען וואָס די ארץ ישראל רעגירונג האָט ארויסגעגעבען פאַר דריי טויזענט חלוצים און אויך קעגען דעם נייעם וייס־שווארצען פאַפיר פון דער מעקדאָנאַלד רעגירונג.

2. די דערמאַהנטע קאָנפערענץ באשליסט צו שיקען א קייבעל־דעפּעשע צו דער כותל־מערבי קאָמיסיע אין א"י באשטעטיגענדיג די היסטאָרישע רעכט אויף דער הייליגער וואנט פאר אידען, איינשליסענדיג אויך די רעכט אויף אוועקצושטעלען ביינק און אנדערע מכשירים וואָס איז קיינמאָל ניט געשטערט און פארווערט געוואָרען פון דער אראבישער באפעלקערונג אין ירושלים ביי וועמען די כותל־מערבי איז קיינמאָל ניט באטראכט געוואָרען פאר א הייליגען פּלאץ.

3. די קאָנפערענץ פּראָטעסטירט געגען דעם פארבאָט אריינצולאָזען וולאדימיר זשאבאָטינסקי אין ארץ ישראל.

4. נעהמענדיג אין אָנבעטראכט אז דער יוגענט עלעמענט פון די ילידי הארץ אין ארץ ישראל ווערט אין מעהרערע פאלען פארקוקט און ביז א געוויסען גראד אויך געקריוודעט אין געוויסע פּריווילעגיעס, באשליסט די קאָנפערענץ אריינצונעהמען אלס א טייל פון איהר אקטיווע ארבייט צו דינען און באשיצען די אינטערעסען פון דעם עלעמענט, דורך איינפלוס און אנדערע פארשידענע מיטלען, בדרך האמת והשלום.

5. די קאָנפערענץ באשליסט צו שטעהן אין שטענדיגער פאַרבינדונג מיט די פארשידענע אָרגאניזירטע קערפּערשאפטען פון ילידי ארץ ישראל אין ארץ ישראל פון וועמען זי וועט קריגען די נויטיגע אינפאָרמאציע, וואָס זאָל דינען אלס ליניען־שטריכען אויף'ן וועג פון איהרע פארשידענע טעטיגקייטען.

6. די קאָנפערענץ באשליסט, אז אן אינפאָרמאציע ביוראָ זאָל געעפענט ווערען צו דינען מיט ראט און טהאט די אינטערעסען פון די בני ארץ ישראל אין אמעריקא, וועלכע ווילען זיך אומקערען צוריק אין ארץ ישראל.

7. די קאָנפערענץ באשליסט, דאָס די הסתדרות זאָל אריינגנעהמען אלס א טייל פון איהר ארבייט צו באשיצען די אינטערעסען פון די בני ארץ ישראל אין אמעריקא און העלפען די ערמעגליכונג פון זייער עטאבלירונג אויף די פארשידענע עקאָנאָמישע געביטען.

3. די קאָנפערענץ באשליסט צו שיקען א הארציגע ברכה און דאנק צום ראש הרבנים אין ארץ ישראל, הגאון ר' אברהם יצחק הכהן קוק פאר זיין חשוב'ע קייבעל־גראטולאציע צו דער קאָנפערענץ.

9. די קאָנפערענץ באשליסט צו באגריסען דעם ישוב אין ארץ ישראל פאר דעם פאראייניגטען פראָנט וואָס איז געשאפען געוואָרען צווישען אלע זיינע פארטייען און ריכטונגען אין דעם קריטישען מאָמענט און דערמיט דערהויבען דעם ישוב צו זיין געהעריגער הויך.

10. די קאָנפערענץ שיקט איהר הארציגע ברכה צו דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין אמעריקא צו דעם געשאפענעם שלום אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן אין קליוולאנד.

11. די קאָנפערענץ אנערקענט די חשוב'ע ארבייט פון די אגודת בני

ארץ ישראל אין ניו־יאָרק, וועלכע האָט געשאפען די סומע פון דריי טויזענט דאָלאר אלס א גמילת חסד פאָנד צו העלפען בעלי מלאכות און קליינע סוחרים אין ארץ ישראל, דאָס זעלבע האָט געטאָהן די אגודת בני ארץ ישראל אין שיקאַגאָ מיט אַ סומע פון טויזענט דאָלאר, א זאך וואָס דארף דינען אלס ביישפּיעל פאר אנדערע אגודות צו טאָהן דאָס זעלבע אָדער ענהליכעס דורך דער פארמיטלונג פון דער הסתדרות.

12. די קאָנפערענץ דריקט אוים א דאנק די אידישע פּרעסע פאר איהר מאָראלישער שטיצע און חשוב'ן פלאַץ, וואָס זי האָט געווידמעט די דאָזיגע קאָנפערענץ.

13. די קאָנפערענץ דאנקט די צייטווייליגע קאָמיסיע, וועלכע האָט אין פארלויף פון נאָהענט צו אַ יאָהר געלייסטעט אונערמידליכע ארבייט, שאפענדיג די נויטיגע פאָנדען פאר די געליטענע קרבנות פון די אויגוסט געשעהענישען און זייענדיג די איניציאַטאָרען פון דער געשאפענער הסתדרות, אויך דאנקט די קאָנפערענץ דעם ועד המכין פאר זיין אונערמידליכע פאָרבאַרייטונגס ארבייט צו פארווירקליכען די דאָזיגע קאָנפערענץ.

14. די קאָנפערענץ באשליסט דאָס די הסתדרות זאָל זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט די אנדערע קערפערשאפטען פון בני הארץ אין אמעריקא ווי: ספרדים, תימנים א. ד. ג. און זיי באוועגען זיך אָנצושליסען אָן דער הסתדרות.

די ערוועהלטע בעאַמטע דורך דער נאָמינײשאָן קאָמיטע

הרב ה. הירשענזאָן, עהרען פּרעזידענט; הרב א. טייטעלבוים, עהרען וויים־פּרעזידענט; הרב י. מ. חרל"פ, פּרעזידענט; ראבי סעמיועל בענדזשאַמין, משה עליאך, מאקס מאנישעוויטש פון סינסינעטי און דר. ח. גאָרדאָן פון שיקאגאָ, וויים פּרעזידענטען; הרב י. ל. מוינעשטער, סעקרעטאר; הרב אורי פעלשין, טרעזשורער.

די עקזעקוטיוו קאָמיטע

רבי יוסף גבריאלי, טשערמאן; וו. ווערבער, יעקב טראַכטענבערג, דוד יפה, ח. י. לעווין, הרב יוסף מאיר מרגליות, פּ. מרגלית, משה ריבלין, דוד צוועבנער, מרס. פעני ריבלין, הרב מרדכי רייזמאן, מרס. פּערל רייפמאן, הרב יעקב רעדעלהיים, פּ. מענדעלסאָן, הרב משה שאפּירא, הרב א. ראָטענבערג.

דער נאַציאָנאַלער קאָנסול.

י. אשכנזי, ש. כהן, מ. אתרוג, דר. י. פעלדמאַן, הרב מ. מ. פראַנקעל, מרס. ראָני קאַטץ, ש. כ. מרגלית, הרב משה מוינעשטער, מרס. שרה מוינעשטער, י. ש. פורת, הרב א. ל. רלב״ג, ש. רייפמאַן, מ. ריוולין, הרב וו. ראָגין, מרס. שרה ראָוז, י. שאַרלין, ד. סילווער, מ. ווייס, מ. צוועבנער, ניו־יאָרק; מ. ברדקי, באָסטאָן; ב. כהן, מאָנטרעאָל, קאַנ.: הרב דוד אתרוג, לאָס אַנדזשעלעס; הרב י. הורעוויץ, וויניפּעג; הרב ל. י. כהנא, ד. קליערס, שיקאַגאָ; א. לעהרמאַן, דעטרויט: הרב צבי הירש מאַנישעוויטץ, סינסינעטי; ב. נאַטאַנזאָן, טאָראָנטאָ; הרב ש. מ. נעבעס, לאָס אַנדזשעלעס; הרב ישראל פורת, קליוולאַנד; הרב מ. ראַבינאָוויץ, באָלטימאָר; הרב ה. רובינשטיין, שיקאַגאָ; ב. סאַראַזאָן, סט. לואיס; רעוו. ז. שאולזאָן,ברידזשפּאָרט: הרב א. ד. שטאַמפּפער, מעמפיס; מ. וואַרהאַפטיג, פילאַדעלפיאַ; הרב אָ. ווערנער. פּראָווידענס; הרב שמעון ווינאָגראַד, סטעמפאָרד.

הרב יחיאל מיכל חרל"פ

הסתדרות לשם הסתדרות

זה היה לפני שנתים אשר נולד היסוד הגרעיני של הסתדרות בני ארץ־ישראל באמריקא ובקנדא. בזמן שהתחילו המהומות הנוראות בארץ־ישראל, הערבים התקוממו נגד הישוב והחלו להחריבו, בעת אשר כל העולם כלו חל מהשמועות המבהילות, באותה שעה נזדעזעו ביותר כל בני הארץ הנמצאים בארצות הברית, וכלם כאיש אחד הרגישו באותו הרגע המכריע את הנחיצות הגדולה להתארגן ולהסתדר. וכך נתהוה יצירה זו הדוגלת תחת השם הזה.

ואם תשאלו מי ומי היו הראשונים שחוללו את רעיון הסתדרתנו? מי ומי היו מהמסדרים ומהמארגנים אשר קראו לאספות הראשונות והתחילו לגשת אל עבודה מרכזת — התשובה הנכונה תהי': כלנו כאיש אחד. לא היו אצלנו ראשונים, לא היו אצלנו מסדרים, הגיע השעה והרוח אחז את כל הנמצאים פה, ומבלי תכנית איזו שהיא, מבלי אפילו הכנה כדבעי, הרגישו אז שנוצרה ונתיסדה הסתדרות כזו. לא נגזים כלל אם נאמר שכמו מעצמה ומאליה נעשתה הסתדרותנו לדבר שבמציאות.

ואמנם הסתדרותנו דבר שבמציאות היא, במשך זמן קצר כזה הספיקה כבר להקיף את רוב האגודות השונות מבני הארץ הנמצאות כהיום בערי אמריקא ועוד הספיקה לרכוש הרבה חברים בודדים שאינם שיכים לשום אגודה אחרת. בין חברינו הבודדים נמצאים רבים כאלה, שמעולם לא בקשנום להתחבר אלינו, יען שלא נולדו בארץ, רק הם מהסוג של "ולציון יאמר איש ואיש יולד בה", אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה, מעצמם הפצירו בנו לספחם להסתדרותנו.

מה שמפליא ביותר הוא האמון הגדול שרכשה לה ההסתדרות בין מהאגודות ובין מהחברים הכלליים. היחס הוא באמת יחס רציני, ויחס של כבוד. זאת ראינו עוד בשנה שעברה אצל הכנסי' הראשונה, ביחוד היה זה נכר בכל האספות של חברי ועד הראשי, ועד הפועל, וועד ההנהלה. בכל האספות הללו היו מבקרים מרוב החברים השיכים להם, ובכל אספה ואספה דנו בכבד ראש על דברים שונים שעמדו אז על הפרק וכל ההחלטות שהיו באפשרותנו הוצאו לפועל פחות או יותר. בצדק נוכל להתפאר כי ההתענינות המרובה בהסתדרותנו לא נפחתה מאומה, ולהפך התגברה יותר מפני שהיא עומדת על הגובה הדרוש והמתאים לה.

ולא זו בלבד, אלא הסתדרותנו תופסת עכשו מקום חשוב גם בחיים הצבוריים, בין ההסתדריות הגדולות הנמצאות בארץ זו, ומתיחסים אליה ביחס הראוי. ואף בארץ ישראל עצמה מתחשבים הרבה אתה. כדאי להזכיר שבכל

המוסדות הלאומיים והחשובים מכל ערי ארצינו בין מהישוב הישן ובין מהישוב החדש פנו אל ההסתדרות בהצעות חשובות ובעקר בידיעות נחוצות.

תולים הרבה תקוות גדולות בההסתדרות בארץ ישראל, וגם פה בטחוני חזק שבמשך הזמן רוב התקוות לא תתאכזבנה. הצעדים החשובים שצעדנו בזמן הקצר של קיומה מצדקת את השערתנו זו, ונותנים לנו את האמון בה באפשרותה למלא את תפקידה הכללי.

לשם מה נוצר ארגון זה? מה מטרתו? ומה תפקידו? על זה קשה לתת תשובה ברורה. אמנם יש לההסתדרות תכנית מעבדת עם עקרונים שאנו שואפים לקיימם במלואן. אבל איך? באיזה אופן? ובאיזה דרך נוציאם לפועל? זאת אי אפשר לנו לשער בראשונה. אין אנו רוצים עדין להחליט איזה דרך יותר טובה וישרה. ההסתדרות נמצאת עדין בזמן התפתחותה ולכן קשה מאד לנבא מראש מה יצליח יותר, ומה יביא תוצאות יותר טובות.

מה שיכולים להגיד בבטחה הוא: שיש לה הרצון הטוב, ומהיון שיש לה הרצון הדרוש כבר תמצא הדרך הנכונה.

הרבה פעמים כבר נשאלה השאלה איזו נחיצות מיוחדה יש להסתדרות בני ארץ ישראל בגולה בתור שכזה, זאת אומרת, להיות נכרת בתור חטיבה מיוחדת? הלא כל ישראל מעינינים בבנין הארץ וכלם עסוקים בעזרת ההתישבות וההתפתחות של האומה כלה בארצנו, ומה להם לילידי הארץ לעשות להם במה לעצמם, כלום חסר דבר־מה בההסתדריות השונות העובדות רק בשביל ארץ־ישראל?

שאלה זו הנשאלת ברצינות מכל החוגים מכאיבה אותנו ביותר. היא דורשת תשובה מידית ונכונה. האמת היא שהלואי שלא היינו צריכים להסתדרות מיוחדה, ועוד יותר הלואי ורוב גדול מאתנו לא היה צריך להיות בגולה. היינו יותר צריכים להיות בארצנו שהיא באמת ערש ילדותנו ומקום מולדתנו, ובמקום לעזור בבנין הארץ מבחוץ—לעוזרה מבפנים. אבל עובדא זו שמספר גדול מילידי הארץ, הוכרח למרות רצונם הטוב, לצאת ולהתפזר בגולה, מכרחת את נחיצותה של ההסתדרות. ומי יתן והיתה מצליחה למלא את תפקידה בשלימות, כי אז היה זה נצחון בשביל כל האומה.

אין פה המקום לפרט את השגיאות של מנהיגינו נגד הישוב ובפרט נגד ילידי הארץ. אין אנו רוצים להאשים בזה מי שהוא בהעלמה, שבאה בכונה או שלא בכונה, נגד הדור שכבר נולד ונתגדל בארץ אולם המעשים מוכיחים והעובדות מטפחות על פנינו, שקול הישוב מאלה שנולדו בארץ שהתחננו מעמקי לבבם לבוא לעזרתם לא מצא אוזן קשבת.

מביאים חלוצים מחוצה לארץ, מישבים אותם על האדמה בקבוצות מיוחדות, אבל שוכחים באותו הזמן לסדר גם את החלוצים המקומיים בקבוצות משלהם השואפים לזה בכל לבבם ונפשם.

שתי שגיאות רציניות שגינו, אחת להתחשב כראוי עם התושבים הערביים, והשנית להבדיל, להתחשב עם התושבים היהודים של ילידי הארץ. את השגיאה הראשונה כבר נוכחנו ומודים בה ועכשו כבר משתדלים לתקנה. אבל את השגיאה השניה עוד לא נוכחנו ועוד אין אנו מודים בה. תקותנו חזקה שגם זה יבורר וגם זה יתוקן בעתיד הקרוב.

זהו גורם חשוב לנחיצות הסתדרותנו, ואולי זהו תפקידה הראשי.

* *
*

ועוד דבר אחד להנער שלנו, יש לנו נער מאורגן פה באמריקא, העובד הרבה בשביל הפצת השפה בין כל השדרות, ומשתדל לברר ביותר את המצב הפוליטי והאיקונומי אשר בארץ־ישראל. אולם יש ביניהם אחדים המביטים עדין בחשד על כל הנעשה אצלנו. הננו מושיטים להם יד, ואומרים להם, באו והתאחדו אתנו והיינו לאחד. בכחות משתפים בטח נצליח יותר לפעול בגולה ובארץ.

הבה! חברים, ונמלא את תעודתינו וחובותינו במלואן ובעזרת ד׳ נשוב קוממיות לארצנו האהובה.

הרב יעקב ליב מונשטר

כלפי המבקרים

(מעין דו״ח)

הננו נגשים להועידה השניה של הסתדרותנו — ״הסתדרות בני ארץ־ישראל באמריקה״, — אחרי נסיון של עבודת שנה אחת מיום התיסדותה ביום יוד תמוז שנת תר״ץ, ועומדים אנו לפני היום אשר על מנהלי ההסתדרות למסור דין וחשבון על פעולתה במשך השנה, ולשמוע חות דעתם של הצירים הנכבדים אשר יוציאו את משפטם על מעשי ההנהלה ופעולותיה, בעבר. ומתוך זה תדע הועידה להתוות לה את דרכה בעתיד.

בתור מזכיר ההסתדרות הבקי בכל פרטי העבודה אמלא בעונג את המוטל עלי למסור דו״ח מפורט מכל ענפי פעולת הסתדרותנו במשך השנה. ומוכן הנני לשמוע ולקבל את הבקרת מאת חברי הנכבדים צירי הועידה, מאמין אני בהם. ובישרותם, כי הבקרת שלהם תהיה מכוונת בעיקר לא לשם בקרת גרידה, כי אם לשם התועלת שתצא ממנה לעתידה של הסתדרותנו, בקרת כגון זו חביבה עלי, וזוהי הרי תכליתה של כל ועידה המתאספת משנה לשנה, להוציא מתוך דברי הבקרת הנאמרים מתוך לב טהור ומתוך רצון לעבודה את הטוב והמועיל בשביל העתיד, ולא להם אני מכון את דברי הבאים.

ואולם מין אחר לגמרי של מבקרים ישנו בכל עניני הצבור, הסתדרות או אגודה, גדולה או קטנה, מבקרים שאין השם הזה הולמתם כלל כי לא מבקרים המה, אלא מ ב ט ל י ם. דרכם של אנשים האלה אף מבלי לחדור לתוך תוכה של ההסתדרות או האגודה, ומבלי לדעת וגם מבלי רצון לדעת מכל הנעשה בתוך ההסתדרות; מבלי רצון להתעמק ולהבין את אופיו של קבוץ זה, כבר מחליטים כי אין זכות הקיום להארגון הנוצר, ומבטלים גם את הפעולות היותר חשובות, והיותר נכבדות, בנשימה אחת, בטול גמור — וחסל.

גם הסתדרותנו זכתה למבקרים ממין זה (להצלחתנו במדה פחותה מאד) רצוני לומר למבטלים כגון אלו, העושים את עצמם כתמימים ושואלים שאלת מה העבודה הזאת לכם, מה פעלתם? מה עשיתם? ולשם מה נוצרה בכלל ההסתדרות, ומה יש לקות ממנה? להם, לאלה האומרים „כל המירא״ על כל דבר שקשה להם להבין ולהשיג, ומשמיעים הם את בקרתם מאחורי כותלי התנור בכונה להרוס ולבטל, להם אני פונה בדברי הבאים:

חברים מבטלים!

אחרי כבוש הארץ בימי יהושע בן נון, כששבו בני ראובן ובני גד וחצי שבט המנשה מאת בני ישראל ללכת אל ארץ אחזתם בעבר הירדן מזרחה, בני

על יד הירדן מזבח גדול למראה, וכאשר שמעו זאת בני ישראל נקהלו כל עדת בני ישראל שלה לעלות עליהם לצבא, ושלחו את פנחס בן אלעזר הכהן ועשרה נשיאים עמו, לדבר את בני ראובן ובני גד וחצי שבט המנשה דברים קשים: „מה המעל הזה אשר מעלתם באלקי ישראל, בבנותכם לכם מזבח למרדכם היום בד'".

ענו בני ראובן ובני גד וחצי שבט המנשה: „ד' הוא יודע וישראל הוא ידע. אם לא מדאגה מדבר עשינו את זאת לאמר מחר יאמרו בניכם לבנינו לאמר, מה לכם ולד' אלקי ישראל, וגבול נתן ד' בינינו וביניכם, אין לכם חלק בד', ונאמר נעשה לנו לבנות את המזבח כי עד הוא בינינו וביניכם ובין דורותינו אחרינו, לעבוד את עבודת ד'" (יהושע כ"ב).

את הדברים האלה בסגנון מהופך של מחר יאמרו בנינו מה לנו ולכם, וגבול נתן ד' בינינו וביניכם, והגבול של היום הוא במרחק יותר גדול מאשר הגבול ההוא של בג"ד וב"ר, לא הירדן מפסיק בינינו וביניכם, כי אם אלפי מלים, ימים ונהרות מבדילים בינינו ובין אלה שזכו להסתפח בנחלת ד' ותנאי החיים שנשתנו גם בחמר וגם ברוח ע"י הגבול והמרחק הזה, הם לדאבונינו סכנה גדולה לקיום הרוח והנשמה הארץ ישראלית גם לאלה שזכו לספוג לתוכם את אוירה הטהור של ארצנו, ומה נאמר לבנינו אשר נולדו ונתחנכו באויר הטמא של הגולה, ונשטפים הם עם הזרם הכביר המרחיק אותם, למרות רצונם, מהקדושה והחשיבות של ארצנו, ומי יודע אם ח"ו לא יגיע המחר המר של השאלה מה לנו ולכם וגבול מבדיל בינינו וביניכם.

ובכדי לקדם את פני הסכנה זו בנינו את המזבח של הסתדרות בני ארץ ישראל כי עד הוא בינינו וביניכם ובין דורותינו אחרינו לעבוד את עבודת ד', לקרב את בנינו לעבודה זו, להכניסם באוטמוספירה ארץ ישראלית מילדותם, להפיח בהם את האש הרוחני ואת האהבה לארצנו ולכל היקר והקדוש לנו בה.

ואם בשביל זה בלבד כדאי הוא הדבר להתמסר לזה בכל מאמצי כחותינו ולאחד את כל בני ובנות ארצנו, הזקנים עם הצעירים, לעורר בהם את התשוקה לקחת חלק בעבודת בנין ארצנו ותחית עמנו.

ברם לאמתו של דבר, הרבה מאד פעלה הסתדרותנו בשנה הראשונה לקיומה. אין ברצוני פה לתת דו"ח מפורט מפעולות ההסתדרות במשך השנה, אבל כדאי לציין בזה איזה קוים כלליים:

א ר ג ו ן. במשך השנה נתארגנו והתאחדו בני ארץ ישראל בכל הערים הגדולות מלבד שמנה האגודות בניו-יורק ואחת בשיקגו שהתקיימו לפני התיסדות ההסתדרות. נוספו אגודות מבני ארץ ישראל בפילדלפיה, בוסטון, בלטימור, דיטרויט, דאס אנג'לעס, סט. לואיס, ובּרידזשפּארט. גם האגודות הקימות נתחזקו, והיים חדשים, חיים של רצון ליצירה מעשית נכר בהם באופן נעלה.

ע ז ר ה. הסתדרותנו מלאה את תפקידה בזה כמעט במאה אחוזים, לא היה אף מקרה אחד של בקשת עזרה לבני הארץ פה שלא נתמלא, אם בעזרה כספית ואם בעזרה מוסרית ורוחנית.

כבוד ארץ ישראל. ההסתדרות שקדה בכל הזהירות הדרושה לשמור על כבוד הארץ, ובמקרים ידועים מנעה מלבוא לידי חלול כבוד הארץ.

תוצרת הארץ. ההסתדרות עוררה את הקהל להגדיל את הדרישה לתוצרת הארץ.

ארגון בני א"י בארץ ישראל. ע"י השפעת הסתדרותנו התחילה תנועה חזקה בין בני הארץ בא"י להתאחד ולהסתדר לעבודה מעשית מסודרת אשר בטח תביא פירות וברכה להישוב.

הנער הא"י. שאלת הנער הא"י היא אחת השאלות הקשות ביותר אשר ההסתדרות מתלבטת בה ואם, כי אין להגיד, שהפתרון לשאלה זו כבר נמצא, הרי יש לציין, כי נעשה הרבה בכדי לארגן ולכון, נער זה, לעבודה מעשית אחת.

ואפשר להגיד, שאי ההבנה ששררה בחוגי נער ידועים כלפי ההסתדרות, תוסר מעכשיו, אחרי הוכחם בכונת ההסתדרות: לעבוד מתוך אחוד שלם של כל שכבות בני הארץ, כאן, למען בנין ותחית הארץ.

קרן ארץ ישראל. סכומים הגונים כבר נאספו בין האגודות ויחידים לקרן אר"י של הסתדרותנו, ומקוים כי הסכום שקבלנו עלינו יתאסף כלו במשך החדשים הבאים.

פעולות ועבודות כלליות. ההסתדרות לקחה חלק בכל עבודת בנין הארץ, הנעשות ע"י ההסתדרויות הלאומיות השונות ועזרה לכל הקרנות במדה מספיקה.

מוסדות הישוב הישן. ההסתדרות השמיעה את קולה בהזדמנויות שונות ע"ד המצב הקשה של מוסדות הישוב הישן, ועוררה את דעת הקהל על ערכם ונחיצותם להישוב כלו. נקראו אספות שונות לשם זה, והצעות שונות עומדות על הפרק איך לבוא לעזרתן בעבודה מסודרת.

בגולה. ההסתדרות לקחה חלק בכל עניני הצבור בגולה והיא משתתפת בהם ע"י באי כחה, אשר הוכרו ונבחרו לחברים פעילים בועדים שונים.

הרב מאיר ברלין.

ולציון יאמר...

"אוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם" ורע ומר שבעתים לאותם הבנים אשר גם בהגלותם אינם מסיחים את דעתם מ„שלחן אביהם".

כי אם גם חפצים הגולים לשכוח את מולדתם וארץ מכורתם, אין השכחה הזו מועלת, כי נזכרים הם על ידי בני המקום, החושבים את ארצם למונופולין להם להצר את צעדי אלה שרגלי אבותיהם לא עמדו על האדמה ההיא.

על כן זהו המושג: „גלות". לא רק בשעה שגולים מן הארץ, ארץ אבות, אל מדינה זרה, בתוך אומות נכריות — מורגש הוא סבל הגלות. אך גם אחרי אשר מתישבים ומשתקעים באיזה מקום שהוא, מזכירים „התושבים הקדמונים" את אלה הבאים מחדש, כי זרים הם ונכרים ועדין גלותם — גלות.

אף על פי כן, יש לפעמים אשר בני הגולה משתדלים לשכוח את עברם ומתאמצים לחלום על עתיד מזויף, עד אשר גם עליהם וגם על חלומותיהם מתהפכת חרב ה„תושבים", גוזרת גזרות, חוקקת חוקים מיוחדים, מעמידה גבולים מלאכותיים, בין בעניני פרנסה ובין בדברים הנוגעים אל כבוד הצבור והשפעה מדינית.

ואם אמנם כשמגיעים הימים הרעים והחלומות מתנדפים והגלות מתחילה להיות בולטת, באה האכזבה והיא ממררת את החיים של אלה אשר השתעשעו בתקוות מכזבות, רב יותר מאשר של אלה שידעו מראש כי אם גם פותחין ומסיימין בכבוד אכסניא ואהבתה, עדין מידי אכסניא לא יצאה ואינה דומה לבית קבוע אפילו בשעת דחקו... בכל זאת עוברות לפעמים שנים על שנים, ודור אחר דור נוקף עד אשר ההכרה הזאת באה, ובאותם הימים, ימי השכחה והיסח הדעת, חיים הם גם בני הגולה בשלות הרוח, כי אינם יודעים ואינם מהרהרים מה יולד יום.

אבל דוקא אלה אשר כבד הגלות ועולו אינו סר מעל לוח לבם ומעל מצפון מחשבתם, וביום הפקד עליהם פקודת הגלות וצרותיה וצרות צרותיה, אינם נרתעים ואינם נרגזים ביותר, כי רואים הם בזה פקודת כל הארצות—הם, הם אשר חייהם אינם מלאים רצון לעולם, כי שלחן אביהם תמיד לנגד עינם....

ואלה ילידי ארצנו הקדושה, אשר גם בהיותם בארץ הכי טובה בין ארצות הגלות, הארץ, אשר שם „הזהב", אינם שוכחים ואינם משכיחים את מולדתם והם קוראים על עצמם שם ארץ־ישראל ומתיחסים אל „הסתדרות בני ארץ־ישראל" בכבוד ובחבה, אכן גלותם — גלות, וחייהם אינם חיים טובים ככל אלה שוכחי מולדת, אבל מה רב טוב הצפון להם בשובם לארצם, ארץ החיים והתחיה והם ישתתפו בבנינה וישמחו בשמחתה — שמחתם הם!

„כל המתאבל... זוכה ורואה בשמחתה", ומסולאים הם בני ציון היקרים אשר עליהם יאמר:

איש ואיש יולד בה, הנולד בה, והוא גם מצפה לראותה...

יוסף גבריאלי
(יו"ר ועד הפועל של ההסתדרות)

מטרתנו

רבים שואלים מה היא מטרת הסתדרותנו, ומה אנו רוצים? האם רק להוסיף עוד הסתדרות אחת על ההסתדרויות וה„לאנדסמאנשאפטען" השונים הנמצאים בארץ באנו? ובמה שונה היא הסתדרות של בני ארץ־ישראל מהסתדרות יהודי פולניה או בני ארץ אחרת מארצות הגלות הנמצאים באמריקא?

אומרים כי בן א"י צריך היה להתביש אם איננו בארץ, ומה לו עוד להכריז על זה ע"י הסתדרות מאורגנת? ואמנם בני הארץ באמריקא מרגישים את עצמם בבחינת בנים שגלו מעל שלחן אביהם. לא להשתקע בארץ באו. בן ארץ ישראל כאשר יפגוש את רעהו, אם גם שנים רבות הוא גר בארץ שאלתו הראשונה אחרי שידרוש בשלומו היא: מתי אתה חושב לשוב? כי זו היא כל שאיפתו בחייו, ואין פלא בזה. לוא היתה הסתדרותנו רק "לאנדס־מאנשאפט" אמריקאי כיתר ההסתדרות מבני ארצות הגולה שבאו להשתקע באמריקא ולא לגור בה, כי אז טענת השואלים צודקת היא. אך אמת הדבר כי מטרתנו היא דוקא להיפך ממטרת יתר ה„לאנדסמאנשאפטען" בנוגע לשאלת ההגירה, כי בה בשעה שיתר ההסתדרויות מעונינות בהגירת בני ארצם מהתם להכא, אנו מעונינים בעיקר בשיבת בני גלותנו מהכא להתם. ולא רק להשיב את הגולים אנו רוצים כי אם גם ובעיקר לעזור לאלו אשר נמצאים בארץ, לאפשר להם להשאר במקומם ולעכב בעד יציאתם מן הארץ.

סיסמתנו היא: להחזיק את הקים בארץ ולהשיב את הנדחים, וגם להשרות רוח א"י בין הגולים כאן.

להחזיק את הקים כיצד?

יודעים אנו כי כמעט כל הגולים שעזבו את ארצנו והנמצאים באמריקא שמספרם מגיע בערך חמשת אלפים משפחות, לא באו לאמריקא כדי לאסוף הון ועושר. רחוק הוא הדבר מהם. רובם באו הנה בימי המלחמה שברחו או גורשו מחמת המצוק בימי ג'מל פחה וחבריו, והשאר מפני כי מצבם הנורא והרעב הוא שהכריחם לעזוב את ארץ מולדתם. גדולה היא האהבה שירכש בן הארץ לארצו, ארצנו (וכמובן אין בזה חדוש), כבן את אמו יאהב אותה, וכבן מאמו לא יחפוץ להפרד ממנה, אלא אם חרב חדה מונחת על צוארו, וכאשר רעבון ביתו יציקהו עד למאד וקשה כבר כח הסבל לראות בצער בניו הרעבים, אז, ורק אז יקח מקל נודדים בידו ועזב את ארץ מולדתו. ולמען שלא יצטרך להשתקע בארץ גלות יסתפק אפילו בפרנסת נודד, ומשעה שעזב את ארצו לא יחדול אף לרגע להתגעגע עליה, ולחלום על שיבותו.

מוכן הוא בן הארץ לעבוד כל מיני עבודות קשות אם רק יוכל למצא כדי פרנסת ביתו גם בלחם צר ומים לחץ יסתפק אם רק לא יכרח לנוד לגלות (גם ארץ הזהב גלות היא לו). רבים הם שמה המשתוקקים לשדד את אדמתנו הקדושה ולהרטיבה מזעת אפם ודם לבם. אך לדאבוננו אין מי שיושיט להם יד לעזרה, נעזבים הם לנפשם. לא צדקה הם מבקשים אלא תמיכה שיוכלו לפתח את ארצם במסחר וחרושת המעשה. רבות הן התלונות ששמענו מבני הארץ כי רבים מהם התאגדו לאגודות במטרה להתאכר ויכניסו גם מאות שקלים מפרוטותיהם הדלות, ביחוד רבים מבני הישיבות (הנחשבים לבטלונים ושנוררים) ויבואו ויבקשו עזרה מהנהלת מוסדות ישוביים ציוניים לאפשר להם לגשם שאיפתם הקדושה, אך (אינני יודע באשמת מי) לחנם דפקו על דלתי הפקידים הנכבדים שלנו—הם לא נענו (אפשר חסו הפקידים על בטול תורה של בני ישיבות?!). רבים הם המכתבים המתקבלים בלשכתנו מעסקנים מחוגים שונים המתאוננים על זה. בטלגרמה שהגיעה לנו לאספת ועד הראשי של הסתדרותנו שהתקימה בחדש שבט העבר, כותב רבנו הראשי מרן הגרא"י קוק שליט"א, ומאיץ בנו כי שאלת התאכרות בני הישיבה תתפוש את מקומה הראוי אצלנו בראש כל השאלות.

פלא הוא בעינינו, מדוע יגרע חלק אשר נולדו וגודלו בארץ, המבקשים לשדד את אדמתנו מאלה אשר מתארגנים בחו"ל להחלץ ולעלות לארץ העולים לנו בהוצאות בתקציב העליה וההגירה. ובמטותא אל נא תשגו בדברי, אינני בא להקטין את ערך החלוץ העברי, יקרים המה לנו עד למאד, בנים נאמנים אלה המוכנים בכל שעה למסור את נפשם על בנין ארצנו ותחיתה — אבל האם אלה שגודלו בארץ לא בנים לעמנו הם? האם מפני זה כי אבותיהם היו החלוצים הראשונים אשר באו להתישב בארצנו בימי העליה הראשונה, בעת שהארץ היתה באמת מדבר שממה, לבנים חוגרים יחשבו, האם זה באמת עוון אשר לא יכופר, ומדוע יצטרכו לעזוב את הארץ?

הנה בנו בני הארץ בקרבת ירושלים את הכפר העברי, הכפר הזה עומד להחרב אפשר שהמיסדים הראשונים שגו בדרכם שהלכו עד כה, אך התושבים ההויים קוראים אלינו לעזרה, רוצים הם בהלואה שיוכלו לבסס את מצבם ע"י יסור מחלבה ולא צדקה הם מבקשים, האם נאטום את אזננו לשועתם. קול קורא אלינו מהישוב העברי בצפת, בטבריא, ועוד מקומות, וכולם פה החזיקו בנו כי נוכל עמד על רגלינו!

חובתנו חובת בני א"י באמריקא היא לא רק לתמוך בהם בכחתנו המעטים כי אם גם להרים כשופר קולנו, ולעורר את דעת הקהל העברי הרוצה בבנין ארצנו על העול הנעשה (בשגגה או במזיד) לחלוצים הארציים הללו, ישמע הקהל את שועת הנאנקים וישפוט אם חובתנו הראשונה היא להחזיק את הקים או לא!

הסתדרותנו התחילה כבר במשך שנתה הראשונה לקיומה לעבוד בדרך זו מעט כפי כחתנו הדלים. הנה יסדה אגודת בני א"י דנויורק ואגודתנו בשיקגו גמ"ח בהון של חמשת אלפים דולר בירושלים ובצפת לבוא לעזרת

סוחרים קטנים ובעלי מלכה שיוכלו להחזיק מעמד, קופות הלואה כאלה תוסדנה בכל רחבי הארץ באמצעות הסתדרותנו בעזה"ה. הרבה טפל ועד הפועל בישיבותיו בשאלות הכפר העברי, בנק המניות עזרה התאכרות בני הארץ, תכנית של עבודה נציע לפני הועידה השנתית השניה בענין זה, עלינו להתחיל בעבודה ובעזרת ה' נצליח.

וכשם שעלינו לבוא לעזרת אלה הנמצאים בארץ שלא יצאו, כן עלינו להשתדל, לעזור ולתמוך בידי אלה הנמצאים פה לאפשר להם לשוב לארצנו הקדושה. בדרך כלל עלינו להתחיל בתעמולה רחבה כי ירבו העולים לארץ אם להתישב בה או אפילו רק לתור אותה כי הרבה תועלת מביאה לארצנו עונת התירים, רב התירים הבאים לתור את הארץ חמדתנו נופלים ברשת אהבתה ואם גם ישוב לביתו רשמי אהבתו לארצו, אהובתו, מהרה לא ימחו מזכרונו, וביום מן הימים ישוב לאהובתו ויאחז בארץ. התיר התר את הארץ הוא המעמל הכי טיב לארץ ישראל ולקרנות ההסתדרות הציונית והישוב. עלינו לנהל תעמולה עזה כי אלה אשר גמרו עסקיהם בגולה יעלו ויבלו שארית ימיהם בארצנו כי לא למות יבואו, למען ירבו ימיכם על הארץ כתיב, אויר ארצנו יבריא אותם ויאריך ימיהם. וע"י רבוי עולים ירבה גם המסחר והחיים בארץ. ועידתנו צריכה בכגון זה לעבד תכנית מפירטת של עבודה ותעמולה לכלל ישראל ולבני א"י בפרט ולהשיב בנים לגבולם.

ועוד שלישית לפנינו והוא להשרות את רוח ארצנו בגולה בכלל ובין בני ארץ ישראל פה בפרט. רוח א"י, כלומר, רוח שפתנו ותורתנו הקדושה ואהבה אליה, אם גלינו הרי גלתה גם שכינה עמנו, נעשה את כל אשר לאל ידינו כי שכינה זו לא תסור מבתינו עד אשר ישיב ה' את שבותנו. עלינו לנהל תעמולה עזה ועצומה לתת לבנינו חנוך עברי לאומי ודתי שלם, חובה היא על כל חבר מהסתדרותנו למסור את בניו לישיבה שרק בה יוכל בנו לקבל חנוך עברי שלם. עלינו לארגן את הנער שלנו אשר גודל בארץ זו, ולהכנים בהם את האהבה והמסירות לכל היקר והקדוש לנו. על ההסתדרות בשנה הבאה ליסד אגודות של צעירים וצעירות מצאצאי בני ארץ־ישראל, להיות לעזר בעבודתנו הקדושה.

אלה הם שלשה עקרים בתכנית עבודתנו, אינני יודע אם רבים הם כחתינו ועד כמה נצליח להוציאם לפועל, אחת אני יודע כי הרצון אתנו, ואין לך דבר העומד בפני הרצון. נלך בדרך זו ולה' התשועה.

הרב ח. הירשנזאָן
(נשיא הכבוד של ההסתדרות)

איך איך אדמת קודש? רוחי לך הומיה!

ההשתוקקות הזאת של ר' יהודה הלוי ז"ל בהיותו בספרד ישתוקק כל איש ישראל אשר רוח בו, בכל הגלויות שגלו ישראל בכל ארצות פזוריהם, ומכש"כ בני ארץ ישראל גדולי קודש שנתגדלו בקדושה ובשאיפה אל על, לירושלם שלמעלה במעלות הקודש, אך מפני מלחמת החיים ומצבם הירוד, אנוסים היו לעזוב את ארץ חמדתם ולנוע בכל קצות הארץ למצוא מחיתם, וביחוד לאמריקה, ארץ אשר היתה לארץ מקלט לכל מי אשר פרנסתו דחוקה היתה בארצו ויבקשו להם מקום למצא מחיתם, ואל העבודה נשאו את נפשם ומצאו באמת מנוח חומרי בארץ החומרית הזאת. בני ארץ ישראל אלה, בני ציון היקרים, יזכרו את אמותם הזקנה ארץ חמדתם ויהמו מעומק לבם "איך איך אדמת קודש, רוחי לך הומיה", וביותר גברה התשוקה מעת אשר הציץ אילת השחר בקרני חגבים. והרעיון הציוני התחיל להתגשם ולבא לידי מעשה, אז היינו כלנו בני ארץ ישראל באמריקה כחולמים רואים את הארץ בנויה בחזיונים הנה היא לפנינו, אך כברק אור ברק הבריק ונעלם, הבריק ונעלם. קולות אנו שומעים ומברכים שכחו וגבורתו מלא עולם, להפוך את לב רחמים לטוב לנו בהצהרת באלפור נ"ע והסכמת כל העמים עליה, אבל את הארץ ממש כבר חפצו לראות בנויה ולבא שעריה, ולבנו תהמה "איך איך אדמת קודש, רוחי לך הומיה". אך סוד אגלה לכם כי לא רק אתם תהמיון, לא רק אתם משתוקקים, אך גם יושבי ארץ ישראל בעצמם אשר נשתקעו שם מדורי דורות מימי הרמב"ן ז"ל אשר כל חייהם היו חיים קדושים, חיים רוחניים, חיים נצחיים, חיים של אהבת תורה ויראת שמים, גם המה עתה יהמיון "איך איך אדמת קודש, רוחי לך הומיה", יושבים בארץ מחוננים עפרה, ובכל זאת יהמיון "איך איך אדמת קודש רוחי לך הומיה", לא שהארץ אבדה ח"ו את קדושתה, קדושתה לעולם עומדת, קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבא, אבניה קדושות ועפרה קדוש, אך משתוקקים לחיי נשמות אויר ארצה. לא נכרת קדושת אדמת קודש רק אם האויר ג"כ קדוש, האדמה קדשה שמים, אבל האויר (אטמוספירה) מקדשים בני אדם, ומאויר זה רואים קדושת הארץ, ואת האויר הזה של חיי נשמות עלינו בני ארץ ישראל להשתדל לנשוף בארץ, לא ברוח קנאות, לא ברוח קטרוג על אחרים, רק ברוח חכמה ובינה, ברוח דעת ויראת ה', ברוח אהבה לכל מיני הבונים, ולכל החלוצים. יבא הרוח מארבע הרוחות וינשוף שם אויר חיי נשמות, ואז תהיה אדמת קודש נראה לעינים ונדע "איה היא איה היא אדמת קודש".

כבר דברתי בהקדמת ספרי "מלכי בקדש" ח"ב, על דבר הסכנה הצפויה. לכל דעה ורעיון הנקראים כיום בשם אידיאלים שבהשגת

השאיפה יחדלו מלהיות עוד אידיאלים ויתחוללו לפעולות ממשיות, ועם תחית הגוף תמות הנשמה אשר היתה להשאיפה בהיותם אידיאלים. הציונות, בהיותה בתקופת האידילוגיה היתה נשמה נשגבה, והאנשים החומריים התנגדו לה בכל עוז ויחפצו להמיתה על האבנים, אך עתה בבא תקותנו וישישו אתה משוש כל אלה אשר שאפו אליה. אבל עלינו לא להעלים עין מן הסכנה הצפויה אליה, והוא כי ירבו מאהביה ואויביה בנפש יתנו לה אהבים ואנשים חומרים רבים יקפצו עליה כי ימצאו בה תועלת גשמית, ובאותו זמן שהם דואגים שהארץ תעשה לארץ חרושת הגוים, (תעשיתית) לארץ מרץ העבודה לארץ המסחר אינם שמים את לבם לאידיאל העקרי הראשון ולעשות את הארץ לארץ אידיאלית, ואם כי שמחים אנו מאד בהתפתחותה החמרית של ארצנו, אך — תשתוחחה ותהמה עלינו נפשנו לתשוקה האידיאלית של חיי נשמות, ננוד ראש על שריפת נשמה מתוך קיום הגוף. אמנם גוף בריא וחזק נחוץ לנו אך לא כי יגדל על חשבון הנשמה ויבולע לה ע"י קיומו, גוף בריא נחוץ להתפתחות הנשמה ובנשמת חיים יגדל, יתפתח וישגשג הגוף אשר נשמת שדי בו.

על דבר הסכנה הזאת דברתי בארוכה בהקדמת ספרי שם, והסכנה נתגדלה עתה מפני שבכל העולם נתפשט עתה מחלת הקרירה, מחלה אשר לא נוכל להחיות את החולים בה, כי מחלה מתהלכת היא והחולים בה חולים המה ואין לחיב את החולה על מחלתו. הישיבות לתורה בכל ארצות הגולה מישיבות בבל ונהרדעא עד ישיבת צרפת וספרד ועד לישיבת וואלאזין למדו תורה בשביל ידיעת התורה, בשביל אידיאל של תורה, איש אשר לא ידע תורה לא היה נחשב לאיש כלל, וההורים גדלו בניהם לתורה למען לא תהי יגיעם לריק ולא יולידו לבהלה, האידיאל של תורה היה חיינו ואורך ימינו וכלנו חיינו חיים אידיאליים. לא כן עתה, גם הישיבות באירופה ומכש"כ באמריקה נעשו לבתי מדרש לרבנים, ומי אשר לא יחפוץ בתכלית לא יבא להישיבה וההורים אשר חפצים מטרה אחרת לבניהם אינם מכניסים כלל את בניהם לת"ת, וכאשר המחלה הזאת תתפשט גם בארץ ישראל, אז אבדנו, כלנו אבדנו, ונהי' ח"ו ככל הגוים בית ישראל, וישיבת ארץ ישראל תצא מגדר "מצות ישוב הארץ" ותכנס בגדר ארץ מקלט לפרנסה כאמריקה זו, מובן אנחנו שמחים גם על זה, ובודאי עלינו לעזור גם בזה בכל מה שאפשר לכל איש לעזור כי היא ארצנו מורשת אבותינו, אך עלינו להשתדל שלא יבא הדבר שנהמה בצדק גם בארץ ישראל "איך איך אדמת קודש, רוחי לך הומיה".

והעצה היעוצה בראשונה להחזיק בידי הישוב הישן בהישיבות והמוסדות שיתקיימו כבראשונה שבהם מתפתחים כמה שאפשר החיים האידי־אליים, ולא נתפשטה עדין שם מחלת הקרירה כאשר בכל הארצות. השנית להחזיק בעבודה המזרחית "ארץ ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל". והשלישית, היא העצה היותר גדולה והיותר נחוצה, ליסד מרכז רוחני, תוריי, מוסרי, קדושי, מדעי, בארץ ישראל, ידענו כי לא אלמן ישראל וביחיד בארץ ישראל מן השרידים אשר כל קורא אליהם מנפשות מצוינות אשר נבראו רק לאידיאלים רוחניים ,ורק בהם יחיו.

אנשים כאלה אשר נוצרו רק לתורה ולעבודה לא אלמן ישראל מהם בכל

מקום והתרבות הישנה הולידה לנו הרבה כאלה, ומהם הרבה אשר נולדו או נעשה לטבע בדמם, (ובפרט בארץ ישראל), אנשים כאלה יועילו הרבה לעמנו לבלי יתגלם ולבלי ישתקע בהלאת החומריות, והמה צריכים להתרכז בארצנו הקדושה.

למטרה הזאת עלינו לרכוש את המקומות הקדושים אשר הם רחוקים מאדם העיר ולבנות עליהם מדרשי שדה לשרידים אשר ינזרו עצמם ללמוד התורה, ללמוד המוסר, ללמוד הפלסופיה, ללמוד הקבלה, אמנם רק ללמוד וליגיעה ולא להזיה ולקנאות. גם להחזק מצבנו בארץ ישראל נחוץ הדבר מאד, מלחמת הערבים נגד זכויותנו על הכותל המערבי מראה כי הם מרגישים ברגש אינסטיקטיווי, וגם מתוך מבט פוליטי שהיסוד היותר חזק להתאזרח בארץ ישראל היא החזקת המקומות הקדושים ולזאת עלינו להשתדל לקנות אדמה סביב למקומות אלה אשר יש שם זכרוני קודש מיוחדים, קבורת אנשי שם וכדומה, וליסד שם מדרשי שדה, וסביבות מדרשי שדה אלה גני ירק למשפחות השרידים האלה ויעמדו תחת השגחת גדולי דעה חכמי לב אשר עיניהם לפנים ולא לאחור, ושמם וזכרם ופעולתם יהי' רק מדרשי תורה חכמה ודעת ומוסר, והמקומות האלה יהיו קדושים לכל עם ישראל והעם יבא שם להשתטח בהם, ולהנות מאור תורתם של אצילי בני ישראל אלה, מי בתורה, מקרא, הלכה, והגדה, מי במוסר ומי בפילסופיה, מי בלמוד הקבלה נקיה קדושה וטהורה, כל שערי החכמה יהיו פתוחים במקומות האלה לכל אשר ידרוש אחריהם, וגם לפרקים יסובבו, הפרושים כבני הנביאים את יהודה והגליל ויטיפו למוסר ולמדות ישרות, אך לא יטיפו לשכר ולגמול כי ייסדו בתי המדרש על בסים חזק אשר לא יצטרכו תלמידים לסבב על בית הגרנות, ויחיו חייהם בחיי עושר וכבוד.

ומה שנחוץ עוד להם שילמדו לשון ערבי למען יוכלו לחיות חיי שלום עם הערבים קרובינו בני ישמעאל, כי הלא אנחנו יודעים כי העם הפשוט לבם טוב לנו ויודעים את הטוב אשר הביאו בני ישראל אל הארץ, וההתנגדות שלהם יצאה רק מן המסיתים האחדים אשר חפצים תמיד לראות בערבים כאדון בעבדיו כבימי הפריצים בפולין, ובידעם כי הציונית תפתח את עיני העם הערבי וילמדו מאתנו לחיות חיים של חופש אשר לא ישלוט אדם באדם לרע לו, הם מסיתים אותם בנו ומוציאים דבה עלינו כידוע, אבל אם נדע לשונם ונחיה אתם חיים של שלום, חיים של שכנים טובים, יהפכו להיות אוהבים לנו, כאשר ידענו זה הנסיון מכמה שנים אשר חיינו עם הערבים חיי ידידות, ושכנות טובה וקראו לנו אחוה, ולא נצטרך לבוא בפשרות אל המסיתים ופורעי הפרעות בישראל. ואם נשתדל ברב או במעט בדברים כאלה וכאלה ויהי' ה' אתנו, אז, רק אז, אחרי עשותינו כל האמור לעיל תהיה שוה ישיבתנו באמריקה ובארץ ישראל, ונהי' נחשבים בין הבונים, והבנים למודי ה' ויהי נועם ה' עלינו וגו', אכי"ר!

ובחתימת דברי אשאל שאלה לכל מנהיגי ירושלים, שאלה אשר שאלתיה בהיותי בן עשר למשנה, והיא: האם לא בושה וחרפה לכסות פנינו

בלמדנו משניות עם פירוש ר׳ עבדי׳ מברטנורא ז״ל, האדם הגדול בתורה אשר זכה כמו רש״י ז״ל לבל ילמוד איש משניות בלתי פירושו, האיש אשר יש לו חלק היותר גדול בישוב הישן, הנוסע אשר גם חכמי האומות משתמשים בספר מסעות שלו, האיש אשר יסד את הישיבה הראשונה לספרדים בירושלים בעזרת עשירי מצרים, האיש הזה אשר לומדים את המשניות עם פירושו לתקון הנשמות, וכל המוסדות נותנים למוד זה לשכר להמנדבים, נשמתו בגנזי מרומים, אך מערת קברו לדאבוננו ולבשתנו נעשתה לדיר צאן לאחד הערבים מכפר סלבן ששדהו סמוכה לפי המערה, ובמחיר קטן היו יכולים לקנות אז את השדה והמערה אשר בו, ואז היתה תשובת מנהיגי ירושלים שהמערה איננה שייכה להגוי רק להקברות אשר לקהל הספרדים בהר הזיתים, ולמנוע מלהביא צאן לתוך המערה צריכים לבנות בנין עליה, וזה לא רק על המערה הזאת רק גם על הרבה מערות, כמו מערת חגי זכרי׳ ומלאכי, מערת סנהדרי׳ גדולה וקטנה וכדומה, אשר דרוש לזה סכום רב. ומעט הכסף שבא אז לארץ ישראל צריכים לפקוח נפש להחיות החיים העניים, וכבוד המתים לא נפגם כי יודעים את גלותנו ואת צערנו בחיים ושכינתא אתנו בגלותא.

אך היום אין זו תשובה נכונה. אבל זה יותר משלושים שנה לצאתי בעוה״ר מירושלים, אולי כבר נתקן הדבר. היודע יענה. ונשמת רבנו עובדי׳ תאמר סלחתי!

א. ר. מלאכי

די פּיאָנירען און בויער פון ישוב

דער אלטער ישוב איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען. ער עקזיסטירט נאָך, דירעקט און אינדירעקט פיהלט זיך זיין איינפלוס אין כמעט אלע בוי־באַוועגונגען פון לאַנד און אין די מעהרסטע אונטערנעהמונגען איז זיין ווירקונג קענטיג. די קינדער, אייניקלאך און אור־אייניקלאך פון די וואָס האָבען דעם גרונדשטיין צו דער אויפבויאונג געלייגט, זעצען פאָר די טראַדיציע פון זייערע עלטערן און פאַרפאָלקאָמען די ארבייט וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען.

די געשיכטע פון אלטען ישוב איז נאָך ניט געשריבען געוואָרען און נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרען ווי געהעריג, און דעריבער זיינען די פאַרדינסטען פון זיינע פּיאָנירען און בויער ניט אָפּגעשאַצט געוואָרען. פיעלע פון זיי זיינען צום ברייטען עולם ניט באַקאַנט, און מען האָט פון זייער רייכפאַרביגען לעבען קיין אָהנונג ניט.

די בויער פון אלטען ישוב האָבען אָבער פאַרדיענט דאָס דער היסטאָריקער זאָל צו זיי ארויסווייזען א געהעריגען אינטערעס. זייער לעבען איז געוועזען פול מיט ריינעם אידעאַליזם, איבערגעבענהייט, גלויבען און האָפענונג, און אויך פיעלע פון זיי דופט דער הויך פון מארטירערטום.

דער אלטער ישוב הויבט זיך אָן מיט אריבער הונדערט יאָהר צוריק, וויסט און חרוב איז ארץ ישראל געוועזען, דער אויר א פאַרפעסטעטער און די באַפעלקערונג א ווילדע, און דאָך האָט די הייפעלע אידען וואָס זיינען פון פאַרשידענע לענדער זיך געקומען באַזעצען אין איהר, ניט אָפּגעהאַלטען צו פאַרבלייבען דאָרט, טראָץ די אלע צרות און יסורים וואָס זיי איז אויסגעקומען צו ליידען, צו באַפעסטיגען זיך אין איהר, פאַרנעהמען איין פּאָזיציע נאָך די צווייטע, אויפבויען איהר און מאַכען דאָס וויסטע לאַנד לעבעדיג און בליהענד.

וואונדערבאַרע מענשען זיינען די ערשטע ארץ־ישראל פּיאָנירען געוועזען. זיי זיינען גאַנץ אנדערש געווען פון דעם געוועהנליכען טיפּ „סעטלער" וואָס מיר געפינען אין די מעהרסטע נייע באַזעצטע לענדער. מען זאָגט דאָס זיי זיינען געקומען שטאַרבען אין ארץ־ישראל. דאָס איז אָבער ניט אין גאַנצען ריכטיג. מענשען וואָס האָבען שוין אלע חשבונות מיט'ן לעבען פאַרענדיגט, וואַרפען זיך אריין מיט אזא אימפּעט, מיט אזא ברען, התלהבות און איבערגעבענהייט צו בויען און שאַפען, ווי די ערשטע פּיאָנירען האָבען דאָס באַוויזען.

דער אמת איז דאָס מיט זייער קומען אין ארץ־ישראל האָבען זיי אַ טאָפּעלטע כונה געהאט אין זינען: אי בויען דאָס לאַנד און אי אויפריכטען די „ירושלים של מעלה" — שאפען אַ גייסטיגען צענטער וואָס זיין איינפלוס זאָל ווערען אויסגעאיבט אויף די אידען אין גלות, פאראייניגען זיי צו איין שטרעבונג און פארבינדען זיי צו זייער לאַנד. זיי האָבען אַ בריק אויפגעבויט וואָס זאָל אַלע אידען ציהען קיין ארץ־ישראל, ברייננגען זיי פאָרט־צוזעצען זייער ארבעט, אויפבויען און אויפלעבען איהר.

און גלייך אין די ערשטע טריט פון די גרינדונג פון ישוב, זעהען מיר די פיאָנירען זיינען טהעטיג אויף אַלע געביטען, ענערגיש און פול מיט בלוט צו אויפבויען דאָס לאַנד, אָנהויבענדיג פון שאפען די נויטיגע קהל'שע אינסטי־טוציעס. די בויאונג פון שטאָדטישען ישוב, די שאפונג פון אַ פרעסע און ליטעראטור ביז די גרינדונג פון דעם נייעם ישוב — די גרינדונג פון די קאָ־לאָניעס, וואָס אין זיי האָבען די פיאָנירען פון אלטען ישוב דעם גרעסטען טייל.

פון די ערשטע פיאָנירען איז צו פארצייכענען די פאמיליע סאלאמאָן— פיער דורות, וואָס יעדער איינער פון זיי איז טעטיג געווען אויף אַן אנדער געביט. דער עלטער זיידע, ר' אברהם שלמה זלמן צורף, וואָס איז געווען פון די ערשטע צעהן אידען זיך צו באזעצען אין ירושלים, האָט זיין לעבען גע־ווידמעט צו באַפעסטיגען דעם ישוב און זיין עקזיסטענץ צו פארזיכערען. ער איז געווען דער איינציגער וואָס האָט אויף זיך גענומען די שווערע ארבייט אויסצולייזען די „חורבה", ארויסראטעווען איהר פון גויאישע הענט, און איהר מאכען פאר דעם הויפט פונקט פון דעם דאמאָלסטיגען קליינעם ישוב אין ירושלים, פאר דעם „פעסטונג" וואָס אין איהם האָט די קליינע געמיינדע איהר שוץ געפונען און פון דאָרטען זיך אויסגעברייטעט און נייע פונקטען געשאפען.

זיין זוהן ר' טביה האָט שוין געמאכט אַ טריט ווייטער. ער האָט זיך גענומען צו ערד־ארבייט און געזוכט צו שאפען אינדוסטרי אין ארץ־ישראל און געדיענט אַלס מוסטער צו פילע וואָס זיינען אין זיינע פוס־טריט נאָכגעגאנגען.

פיעל ווייטער פון איהם און מיט אַ פיעל ברייטערע פּערספּעקטיווע איז געווען זיין זוהן יואל משה סאלאמאָן, איינער פון די אינטערע־סאַנטסטע טיפּען וואָס ארץ־ישראל האָט ארויסגעגעבען. ער איז געווען פון די ערשטע צו גרינדען אַ דרוק אין ירושלים. דער ערשטער צו גרינדען (אין 1863) אַ פרעסע אין ירושלים, דער ערשטער וואָס האָט „געוואגט" זיך צו באַ־זעצען אויסער דער אַלטער שטאָדט, האָט געגרינדעט די ערשטע אידישע שכונה אויסער ירושלים, און אַ דאַנק איהם האָט זיך דער נייער שטאָדטישער ישוב אנטוויקעלט, און די אַלע אידישע קווארטאַלען זיינען אויפגעבויט געוואָרען.

סאלאמאָן האָט צוזאמען מיט דוד גוטמאַן, יהושע שטאמפער, ר' עקיבא יהוסף שלעזינגער (דער מחבר פון „לב העברי"), געגרינדעט „פתח תקוה", די ערשטע אידישע קאָלאָניע אין ארץ־ישראל.

וואָס סאָלאָמאָנ'ס זיידע האָט אָנגעהויבען — די אויסלייזונג פון דער „חורבה" — האָט פאַרענדיגט ר' שאול בנימין הכהן, באַקאַנט אַלס דער „ראַדישקאָוויטשער רב", (דער פאָטער פון הרבנית הירשענזאָהן) וואָס איז געווען אַ מאַן פול מיט ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט. ער האָט די „חורבה" אויסגעבויט, האָט געגרינדעט די תלמוד תורה און ישיבת „עץ־חיים" — די ערשטע ישיבה אין ירושלים, וואָס עקזיסטירט נאָך ביז היינט. אין דער דאָזי־גער אַרבייט איז ער ניט געווען אַליין. די מעהרסטע פיהרער פון ישוב האָבען איהם מיטגעהאָלפען און האָבען צוזאַמען מיט איהם די גרויסע לאַסט געטראָגען.

די פאַמיליע ב"ק, איז געווען טעטיג צו באַפעסטיגען דעם חסידישען ישוב אין ארץ ישראל. אין די דרייסיגסטע יאָהרען פון פאַרגאַנגענעם יאָהר־הונדערט האָט ר' ישראל ב"ק געגרינדעט אַ דרוק אין צפת און אויך געמאַכט אַ פאַרזוך צו גרינדען אַ קאָלאָניע לעבען צפת.

נאָך די ערד־ציטערניש אין יאָהר 1839 וואָס האָט צפת חרוב געמאַכט, האָט ער זיך באַזעצט אין ירושלים וואו ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיין טעטיג־קייט. זיין זוהן ניסן, אַ גייסטרייכע פערזענליכקייט, האָט גרויסע פאַרדינס־טען אין גרינדען פאַרשטעטלאַך, אַנשטאַלטען און דעם קהל'שען לעבען צוגע־געבען רייך־פאַרביגע קאָלירען. ישראל ב"ק'ס איידעם, דער באַקאַנטער ליטע־ראַט ישראל דוב פרומקין, וואָס האָט נאָהענט צו פערציג יאָהר רעדאַקטירט דעם „חבצלת", איז פון די ערשטע פיאָנירען אויף דעם געביט פון זשורנאַליזם, האָט ענערגיש אָנגעפיהרט אַ קולטורעלען קאַמף, און געגרינדעט וויכטיגע אַנשטאַלטען ווי דעם „מושב זקנים" און דעם פאַראיין „עזרת נדחים". אויף דעם געביט פון ליטעראַטור און זשורנאַליזם האָבען זיך אויס־געצייכענט: ר' יהוסף שוואַרץ, דער ערשטער ארץ־ישראל פאָר־שער און זיין נאָכפאָלגער אברהם משה לונץ; דער רייזענדער יעקב ספיר און זיין אייניקעל אליהו; מיכל הכהן, חיים פרעס, אליעזר רוקח, הרב חיים הירשענזאָן, דוד יעלין — די מעהרסטע פון זיי זיינען געבאָרען אין ארץ־ישראל.

אַ טיכטיגער טוהער וואָס אַ דאַנק איהם איז אַ גרויסער טייל פון דער אַלטער שטאָט אויפגעבויט געוואָרען איז זעליג הויזדאָרף, גרינדער פון „בתי מחסה" — אַ שעהן אידישע שטעדטעל אויפ'ן באַרג ציון.

טעטיג אין די אויפבויאונג פון אַלטען ישוב איז געווען די ברייט פאַר־צווייגטע פאַמיליע לעווי — די קינדער פון די דריי ברידער: ר' נחום, ר' אשר לעמעל און ר' יעקב ליב. „ר' זלמן ר' נחום'ס", פון די גרעסטע לומדים אין ירושלים האָט אַ גרויסען אַנטייל גענומען אין די גרינדונג פון פאַרשיע־דענע שכונות אין ירושלים, האָט געלייגט אַ יסוד צו דעם אתרוגים־האַנדעל, און זיין איינפלוס איז גרויס געווען אין אַנדערע שטעדט און קאָלאָניעס פון ארץ־ישראל.

אַ באַזונדער קאַפּיטעל אין די אויפבויאונג פון ארץ־ישראל, איז די

ארבייט פון דעם „קאלישען רב״, ר׳ מאיר אויערבאך, וואָס האָט די ערשטע יונגע לייט וואָס האָבען זיך גענומען צו ערד־ארבעט שטארק דערמוטיגט און געהאָלפען זיי מיט געלד. ר׳ מאיר אויערבאך, איז דער גרינדער פון „ועד הכללי״, וואָס פון די זעכציקער יאָהרען אָן איז ער איינער פון די הויפט שטיצע פון אלטען ישוב. דער ערשטער סעקרעטאר פון „ועד הכללי״, י ו ס ף ר י ב ל י ן, איז אויך אַן אינטערעסאנטער טיפ געוועזן, און האָט גרויסע פאר־דיענסטען פאר די אויסברייטונג פון ישוב.

פון די אַכטציגער יאָהרען ביז היינט געפינען מיר די ערשטע פיאָנירען אָדער זייערע קינדער און אייניקלאַך, נעהמען אַן אנטהייל אין יעדער באַוועגונג וואָס האָט צו טאָהן אין די אויפבויאונג פון לאנד. זיי זיינען פארטראָטען אין יעדער שטאָדט און אין די גרינדונג פון יעדער קאָלאָניע, אנשטאַלט, ישיבות, שוהלען און אנדערע קולטורעלע אונטערנעהמונגען. אויס מאַנגעל אין פלאַץ קען איך זיך ניט אָפשטעלען אויף יעדער איינעם באַזונדער. פון די אויבענדארמאָנטע פערזאָנען וועט אָבער דער לעזער מעהר־וועניגער באַקומען אַ באַגריף פון די בויער פון ישוב און זייערע פארדיענסטען אָפשאַצען.

הרב אהרן טייטעלבוים

אויפגאבען פאר דער הסתדרות

דער פאקט אליין אז די „הסתדרות בני ארץ־ישראל" איז שוין אימ־שטאנד צו דרוקען א ספר־השנה, באווייזט אויף זיין לעבענס־פעהיגקייט און עקזיסטענץ בארעכטיגונג.

דער צווייפעלהאפטער מיינונג וועגען דער עקזיסטענץ פון א הסתדרות פאר בני ארץ־ישראל, אדער ווי מען רופט עס דא א „פעדעריישאן", איז ניט באזירט נאר אויף דעם פאקט וואס ליידער האבען די בני ארץ־ישראל געהאט וויינינגער פערשטענדענים פאר אזא מין ארגאניזאציע, נאר אויך צוליעב דעם וואס עס איז געווען זעהר שווער פאר די בני ארץ־ישראל צו פארמירען אזא פעדעראציע ווענמענס אויפגאבע דארף זיין צו בעאבאכטען אלע אינטערעסען פון ארץ־ישראל, וועלכע איז גלייכצייטיג זייער געבורטס־ארט, ווייל פאר אנ־דערע לענדער קען מען באשרענקען די טעטיגקייט פון די וועמען מען בעטראכט פאר פרעמדע און די אריבערגעקומענע פון יענע באטרעפענדע לענדער האבען אימער געהאט די אנערקענטע רעכט צו זיין די זארגער און פאר־זארגער פאר די לענדער פון וואנען זיי זיינען געקומען. גאנץ אנדערש איז ארץ ישראל וועלכע געהערט מיט רעכט דאס גאנצע אידישע פאלק און יעדערער־פרעטענדירט זיין פאטריאטיזם פאר ארץ־ישראל.

אט די שטימונג האט ענטמוטיגט אין א גרויסער מאס די בני ארץ־ישראל צו מאכען א הסתדרות, ווייל טהיילווייז האט מען אליין אנגעפאנגען צו גלויבען אז עס איז איבעריג, ווייל אלע זארגען פאר ארץ־ישראל, און טהייל־ווייז דאדורך וואס די בני ארץ־ישראל אליין ווילען ניט זיין די איינציגע מיוחסים און פרעטענדירען ניט קיין מאנאפאל אויף ארץ־ישראל.

נאכזועהענדיג בעזאנדערס אין די לעצטע עטליכע יאהר ווי עס ווערען ניט ווילענדיג געשאפען צוויי שטרעמונגען אין אידישען לעבען, מאנכע אנ־הענגער פון נייעם ישוב וועלכע האבען ניט קיין פארשטענדענים און קיין ליעבע צו דעם אלטען ישוב, און אנדערע ווידער, אנהענגער פון אלטען ישוב וועלכע האבען קיינע סימפאטיעס און צוטרוי צו דעם נייעם ישוב, און אזוי ארום ווערען געטאהן זאכען וועלכע האבען געקענט לייכט אויסגעמידען ווערען, פאר די טובה פון דעם ישוב אלס א גאנצער, ווען יעדער פון די דערמאנטע גרופען וואלטען געווען געגנוי באקאנט מיט דער אנטוויקלונג פון ישוב אין ארץ־ישראל פאר די לעצטע 70 יאהר.

דאס אלעס בעאבאכטענדיג געגנוי און קלאהר האבען די בני ארץ־ישראל אפילו די סקעפטיקער ניט געהאט קיין אנדער אויסוועג ווי צו פרובירען אויף

דאס ניי צו מאכען א צענטראלען כח וועלכער זאל בעאבאכטען אלע ארץ־ישראל אינטערעסען און לאנגזאם שאפען די פארשטענדעניס פאר דעם ישוב אלס א גאנצער אהנע פאראורטייל.

יעצט, ווען עס איז שוין עררייכט געווארען די תקופה אז אלע בני ארץ ישראל האבען איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט פאר א פאראייניגטען ארץ־ישראל פראנט אין אמעריקא און א יאהר פון גוטע ארבייט איז שוין פאריבער, איז צו האפען אז דער גרונדשטיין פאר אזא וויכטיגע ארגאניזאציע איז שוין דא און מיר דארפען לאנגזאם העלפען בויען אט דעם בנין וואו גאנץ ארץ־ישראל וועט דארט געפונען שוץ. ווער נאך מעהר ווי מיר, בני ארץ־ישראל, דארפען פארשטעהן די נויטווענדיגקייט פון אזא קאלעקטיווען כח אין אידישען לעבען, ניט נאר פאר די נוצען פון ישוב, נאר אויך פאר דעם כבוד פון ארץ־ישראל און די ילידי הארץ. זעהר ווייניג פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען געווי באקאנט מיט דער ענטוויקלונג פון דעם ישוב און ווער עס האט איהם געבויט. מיר באגעגנען גאנץ אפט קריטיקער פון רעכטס און פון לינקס וועלכע בעטראכטען די ילידי הארץ פאר שנארער, אונפראדוקטיווע חלוקה־פאראזיטען א. ד. ג. זעהר זעלטען טרעפט איהר יעמאנד זאל זיך נעהמען די מיה אפצושאצען וואס די זא־גענאנטע חלוקה אידען האבען געטאהן פאר'ן ישוב ביז היינט און נאך ווייניגער ווערט גענומען אין אנבעטראכט וואס זייערע קינדער וואלטען קענען טאהן ווען מען וואלט זיי געגעבען די געלעגענהייט דאצו. און זאל דאס פארשריבען ווערען אין דעם ערשטען „ספר השנה" וואס די היגע הסתדרות געהט דרוקען אז מיר בני ארץ־ישראל קוקען מיט שטאלץ אויף דאס וואס מיר האבען געשאפען אין ארץ־ישראל אין די לעצטע 70 יאהר. און ווען מיר נעהמען אין אנבעטראכט אז אלע פארשטעטלאך ארום דער אלטער שטאדט ירושלים זיינען געבויט געווארען מיט אן אונפארגלייכבארען מסירת־נפש נאר דורך די וועלכע ווערען געשטעמפעלט פון דעם נייעם ישוב אלס די חלוקה אידען, איז דאס א שטאלץ ניט נאר פאר זיי נאר אויך פאר דער מאדערנער וועלט, און ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט אז אין יענער צייט זיינען ניט געווען קיין מיליאנענדיגע פאנדען פאר בנין הארץ און די טויזענדער הייזער פון די געגענדען פון מאה שערים, בית ישראל, בתי־ווארשא, בתי אונגארן, מחנה יהודה, בית יעקב, בתי מחסה א. ז. וו. זיינען געבויט געווארען פון די אפגעשפארטע פרוטות פון ר' מאיר־בעל־הנס־פושקעס, און דורך די אידען וועלכע האבען מעהר ווי גראשענס און מאקסימום רובעלס אין די אויגען ניט געזעהן, און אין אן אויסערגעוועהנליכע עניות, אונטער דעם דרוק פון דער טערקישער רעגירונג, האט מען געבויט דעם גרויסען טהייל פון ישוב און אויפגעהאלטען צעהנדליגע טויזענדער אידען וועלכע האבען געדינט פאר דעם יסוד פון דעם יעצטיגען בנין און אויך געשאפען דעם יסוד פאר די פאליטישע פאדערונגען אויף וועלכע די באלפור דעקלאראציע איז געגעבען געווארען. און ווען מיר גיבען א קוק אויף די פיעלע ישיבות, תלמוד־תורה'ס, בתי־חולים און אנדערע בתי חסד וועלכע זיינען געגרינדעט געווארען אין פארלויף פון די לעצטע 70 יאהר און זיינען געווארען א חשוב'ער פאקטאר אין לעבען און אין דעם אנטוויקלונג פון ארץ־ישראל, קען מען ניט זיין גלייכ־

גילטיג, אויב מען איז עהרליך און אויפריכטיג, אפילו ווען עס זיינען דאָ די נויטווענדיגקייטען פאר אויסבעסערונגען אויף מאנכע געביטען. און ווער עס איז באקאנט מיט דער היסטאָריע פון נייעם ישוב דער וועט דאָך בעשטעטיגען אז ניט נאָר האָבען די חובשי בית המדרש, די פיהרער פון אלטען ישוב געבויט די שטעדט פון ארץ־ישראל מיט זייערע מוסדים, נאָר אויך דער נייער ישוב מיט פיעלע קאָלאָניעס מיט פתח־תקוה בראש, איז געגרינדעט געוואָרען דורך די בני־הארץ. עס וואָלט זיין גענוג פאר דעם היסטאָריקער צו בעקענען זיך מיט דער גרינדונג פון פתח תקוה צו וויסען ווי אַפּצושאַצען וויפיעל קרבנות די בני הארץ האָבען מקריב געווען אום צו אנטוויקלען דעם נייעם ישוב און אויב די אומשטענדען זיינען ניט געווען רייף גענוג צו יענער צייט און שטערונגען, ניט נאָר פינאנציעלע נאָר אויך פּאָליטישע, זיינען געווען אונפארגלייכבאר, מיינט עס ווייט ניט אז מיר אליין זאָלען ניט האָבען די זעלבסט־ווירדע צו זאָגען צו די וועלכע פארשטעהען ניט אַפּצושאַצען דעם מסירת־נפש פון די צוויי דורות און זאָגען זיי אל תגעו במשיחי.

גלייכצייטיג מיט נעהמען קרעדיט אליין פאר וואָס די בני הארץ האָבען געטאָהן אין פארלויף פון די לעצטע 70 יאָהר, דארף די הסתדרות אָבער אויך פיהלען אַ פּילע אחריות, ווייל ווי געזאָגט איז שוין לוידער אזוי דער פאקט אז ווען אַ יחיד אָדער יחידים איז געלונגען צו טאָהן גרויסע זאכען פאר דעם ישוב האָט מען זייער אַרבייט ניט ארויפגעשטעלט אויף דעם קרעדיט פון ארץ־ישראל פון וואנען זיי זיינען געקומען. אויב אָבער מאנכע וואָס זיינען געקומען פון ארץ ישראל, אָדער מעהרסטענס ווי עס איז דער פאקט נאָר פון די וועלכע זיינען פּאָרלויפיג נאָר „מצפים לראותה" און בענוצען זיך אַלס אַ שוץ מיט דעם נאָמען פון ארץ ישראל צו טאָהן זאכען וועלכע זיינען ניט פּאסענד אויף דעם געביט פון צדקה, האָט מען אין אזא פאַל אימער דיסקרעדיטירט ארץ־ישראל אַלס אַ גאנצע. און אויב דער יחיד אַלס אינדיווידועל דארף טראָגען די גרויסע פאראנטוואָרטליכקייט ווען ער שטאָלצירט צו זיין אַ בן ארץ ישראל און זעהן אז מיט זיינע מעשים זאָל ער חלילה ניט גורם זיין קיין אומכבוד ארץ ישראל, דעסטא מעהר איז די פליכט פון דער הסתדרות אַלס אַ גאנצע, וועלכע שפּיגעלט אין זיך אָפּ אַ בילד פון דעם גאנצען ישוב פון אלט און ניי, צו נעהמען אין אנבעטראַכט אז די פיעלע חשוב'ע מוסדות הישוב, ווי ישיבות, האָספּיטעלער, מושבי־זקנים, און בתי יתומים שטעהען פאר אַ גרויסע געפאַהר ניט נאָר צוליעב דעם אלגעמיינעם וועלט קריזים נאָר אויך צוליעב אָט דעם וואָס מען אונטערשעצט זייער אַרבייט אין אַן אונבערעכטיגטער מאָס. אויב אין מאנכע פּלעצער פעהלט צוליעב מאנגעל אין געלט די יפהפיותו של יפת, דארפען מיר באדויערען וואָס מיר האָבען זיי ניט געגעבען די מעגליכקייט צו מאכען זיי בעסער און שעהנער, אָבער צו אונטערשעצען צוליעב דעם די אהלי שם איז ניט עהרליך. און אויב עס זיינען פאראנען מאנכע וואָס רעדען אין דעם נאָמען פון מוסדים וואָס זיי דארפען אויסגעבעסערט ווערען אָדער וואָס עקזיסטירען גאָר נישט דארפען די חשוב'ע און וויכטיגע מוסדות צוליעב דעם ניט ליידען און נאָר די וועלכע פארשטעהן מבדיל צו זיין בין תכלת לכרסי, דארפען נעהמען אויף זיך די אויפגאבע צו

שטודירען גענוי די לאַגע און זעהן ווי אזוי צו פערמיידען די איבלען וועלכע וועבען זיך ארום די הישוב'ע מוסדות און זעהן מיט דער צייט אויסצומיידען די שטערונגען וועלכע דראָהען זייער פאַרניכטונג. די הסתדרות דארף שאפען אַן אונפּארטעאישע קאָמיטע דאָ הי ווי אויך אין ארץ־ישראל, וועלכע זאָל זיך נעהמען די אויפגאבע צו זאָרגען ווי צו בעשיצען דעם מצב פון די מוסדים און אריינבריינגען תקונים דאָרט וואו עס איז נויטיג און ניט צו לאָזען אז ווייניגער וויכטיגע מוסדים אָדער גאָר פאלשע זאָלען פארנעהמען דעם פּלאַץ פון די וועלכע זיינען אַ נויטוועגדיגקייט און אַ שטאָלץ פאר דעם אידענטהום. אַן עהנליכע קאָמיטע דארף אויך געשאפען ווערען פאר דער ארבייט פון דעם נייעם ישוב פון וועלכע עס זאָל פארנעהמען דעם ערשטען פּלאַץ די פארשטארקונג און ענטוויקלונג פון דער מושבה „כפר עברי" (נוה יעקב) פון דעם מזרחי־הצעיר נעבען ירושלים און דאמיט בעזייטיגען דעם פאראורטהייל געגען בני הארץ וועלכע מען בעשולדיגט אז זיי ווילען זיך ניט קאָלאָניזירען.

דער כפר־עברי וואָס בעשטעהט פון ירושלים'ער יונגע־לייט וועלכע האָבען זיך אָרגאניזירט אין אַ גרופּע און געקויפט באַדען, 7 קילאָמעטער פון ירושלים, איז דער ערשטער נייער ישוב אויפ'ן וועג פון שכם און האָט געהאָפט צו בויען הייזער און ארום זיי קליינע פאַרמס און אריינצובריינגען די מילך און גרינס אין ירושלים און דאַביי זיין אַ חי נושא את עצמו. אָבער ליידער האָבען זיי ניט געקראָגען די ערוואַרטעטע און נויטיגע הילף פון די פארשידענע פאָנדען וועלכע האָבען אין עהנליכע פעלע אנדערע יאָ געשטיצט ברייטהארציג. עס איז ליידער ביז היינט נאָך ניט דורכגעפיהרט געוואָרען דער באשלוס פון דעם ציוניסטישען קאָנגרעס פון 1921, וועלכער האָט בעשלאָסען צו געבען אַן אנלייהע צום כפר־עברי פון 50,000 דאָלאר פאר בנינים, שאסעען, מכשירים און לעבעדיגען אינווענטאָר, און ווען ניט די קליינע הלואה פון 10,000 דאָלאר וועלכע איז געגעבען געוואָרען דורך דעם מזרחי פון מר. ב. צ. שנור אויף אויפצובויען די ערשטע 10 הייזער, וואָלט נאָך פיליכט היינט געוועזן דער ישוב גאַנץ פּוסט. די ערשטע קאָנסטרוקטיווע ארבייט פון די הסתדרות פון בני הארץ פאר בנין הארץ דארף זיין צו שאפען די געהעריגע פאָנדען צו פארשטארקען און פארגרעסערען דעם ישוב וועלכער וועט קענען דיענען פאר אַ גוטען ביישפּיעל פאר אנדערע ארבייט פאר דער הסתדרות. און וועט קלאָהר איבערצייגען די וועלט אז אויב מען זאָל נאָר געבען די ילידי הארץ אַ מעגליכקייט זיך צו קאָלאָניזירען אין ארץ־ישראל אין דעם זעלבען פאָרמאַט ווי עס איז געגעבען געוואָרען ניי איינגעוואַנדערטע חלוצים וואָלטען זיי געווען אַ געווינשטער ערפאָלגרייכער עלעמענט וואָס באַזיצט אַ טיעפע ליעבע צום לאנד, און איז גלייכצייטיג אריענטירט מיט אַלעס און אַלעמען דאָרט, ווייל זיי מעהר פון אנדערע זיינען בעדייט צו ליידען אין ארץ ישראל אויב זיי האָבען נאָר די מעגליכקייט דאָרט צו בלייבען און זיין „בניה בוניה".

טראָגענדיג דעם פולען אחריות פאר דעם ישוב פון אַלט און ניי, וועט דער הסתדרות דינען אַלס אַ מוסטער פאר אנדערע מיט זייער אויפריכטיגקייט און ליעבע צום ישוב אַלס אַ גאַנצער.

דר. ח"י גאָרדאָן, ירושלמי

אַ קורצער איבערבליק פון די אקטיוויטעטען פון די "אגודת בני ארץ ישראל השיקגאית"

די "אגודת בני ארץ-ישראל" פון שיקאגאָ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר תרפ"ב (1922), און וועלכע ליידער באַשטעהט דערווייליע בלויז פון ארום פופציג מיטגליעדער, קען דאָך שטאָלצירען מיט איהרע וויכטיגע אונטערנעהמונגען און פיעלע פערשידענע ארבייט וואָס זי האָט שוין ערריכט וועהרענד דיעזע קורצע צייט פון איהר עקזיסטענץ.

גלייך פון אָנפאנג פון דאָס גרינדונג פון אונזער אגודה, די ערשטע דריי-פיער יאָהר פון איהר עקזיסטענץ, אָבוואָהל די צייט איז דאן געווען פיעל מעהר גינסטיג פאר פרוכטבאַרע ארבייט, דאָך האָט אונזער אָרגאניזאציע ליידער נישט געקענט דאן פיעל עררייכען. טראָץ דעם פאקט וואָס די קאָ-אפעראציאָן און מיטהילפע וואָס די אגודה האָט דאן געקראָגען פון די פערשידענע קלאסען און שיכטען פון אונזערע בני און בנות ארץ ישראל פון שיקאגאָ איז דאן געווען גרעסער ווי זי איז יעצט, דאָך איז ליידער כמעט קיינע ממשות'דיגע פּראקטישע ארבייט דאן נישט געטאָהן געוואָרען, אויסער עטוואָס קליינע לאָקאלע אונטערנעהמונגען פאר די בני און בנות ארץ-ישראל פון שיקאגאָ און אומגעגענד, און אַביסעל וויכטיגערע אַרבייט פאר א"י זעלבסט וועהרענד דעם בעזוך פון אונזער הרב הראשי אין א"י, הרב הגאון רבי קוק שליט"א. אויסער דאָס איז כמעט קיינע בעדייטענדע אקטיוויטעטען נישט געטאָהן געוואָרען ביי אונזער אגודה. די אורזאכע דערפון איז גאנץ פשוט, ווייל אונזער אָרגאניזאציאָן איז נאָך דאן געווען גאָר א יונגע, נאָך אין איהר ענטוויקלונגס פּראָצעס, און איבערהויפּט זייענדיג צוזייט און צושפּרייט אין די פערשידענע געגענדען פון אונזער גרויסע מעטראָפּאליטאָן, אָהן א בעשטימטען צענטער, אין דיעזע לאַגע האָט אונזער ארבייט נישט געקענט סיסטעמאַטעזירט ווערען און קאלטקייט און יאוש האָט געהערשט אין אלע אונטערנעהמונגען.

דאָך, איז די קליינע הייפעלע טיכטיגע ארבייטער פון אונזער אגודה, נישט געבליבען זיצען מיט פארלייגטע הענד. און אין דיא שווערסטע צייטען פון איהר עקזיסטענץ האָבען זיי נישט ערלויבט אז דער מוטה זאָל פערלאָרען געהן. און נאָר א דאנק זייער גרויס אנשטריינגונג און איבערגעבענהייט איז ענדליך מיט ארום פינף יאָהר צוריק געלייגט געוואָרען דער ערשטער שטארקער פונדאמענט, וואָס האָט געהאט א בעדייטענדע ווירקונג פאר די פיעלע וויכטיגע ווייטערדיגע אונטערנעהמונגען, ווען אונזער אגודה האָט ענדליך געקויפט אַן אייגענע שוהל און צענטער אין 1418 ס. סט. לואיס עוו., א גאַנץ שעהנע צוויי שטאָקיגע געביידע, אין הארץ פון דאָס שיקאגאָ'ער אידישער נאכבארשאפט,

א בילדינג וואס איז א שטאלץ און א כבוד פאר די בני און בנות ארץ ישראל פון דיעזע וויכטיגע מידעל־וועסטערען סטייט.

זינט דאן איז דער פרעסטיזש פון די אגודה העכער און העכער געשטי־גען, און פיעלע קאנקריטע אונטערנעהמונגען זיינען אלס רעזולטאט דערפון עררייכט געווארען. עס זיינען ארויסגעשפראצען וויכטיגע נייע צווייגען. א בעזונדער פרויען אבטיילונג איז געגרינדעט געווארען פון אונזערע ווירדיגע שוועסטער, אונטער'ן נאמען "אגודת בנות ארץ ישראל", וועלכע ארבייטען האנד מיט האנד אין אלע אונטערנעהמונגען פון זייערע ברידער־חברים, — אויסער וואס זיי טוהען זייערע אייגענע באזונדערע ארבייט פאר א"י צוועקען וועלכע זיי פיהרען דורך מיט ערפאלג.

א פראבע איז שוין אויך געמאכט געווארען צו פעראייניגען אונזערע יונגוואוג אין א בעזונדערען "דזשוניאר ארגאניזאציאן" מיט'ן צוועק זיי צו פעראינטערעסירען אין דעם גייסט און שטרעבונג פון דעם ארץ ישראל לע־בען, אבער ליידער צוליעב פערשידענע אורזאכען, איז דערווייילע דיעזער וויכ־טיגער שריט ניט געווען ערפאלגרייך. די צייט איז אבער יעצט נישט ווייט, ווען מיט די הילפע פון דעם ניי־געגרינדעטען "הסתדרות", וועט אויך דיעזער חלום קענען רעאליזירט ווערען.

אונזער אגודה, אבוואהל זי עקזיסטירט נאר אויף בלויז רייגע אידע־אליסטישע פרינציפען, אהן קיינע ספעציאלע "בענעפיטס" פאר איהרע מיט־גלידער, דאך טוהט זי זעהר פיעלע לאקאלע הילפס־ארבייט, העלפענדיג, מארא־ליש ווי אויך פינאנציעל, יעדען וואס ווענדעט זיך נאך הילפע, חברים אזוי גוט ווי נישט קיינע חברים, ווי אויך דורכרייזענדערס פון אונזערע בני און בנות א"י מיט אלעס וואס נאר נויטיג איז. א ספעציאלער "ועד התמיכה" פאנד איז געגרינדעט געווארען ביי אונזער אגודה פאר דיעזען צוועק, אום צו צענטראליזירען דיעזע וויכטיגע "צדקה" ארבייט וועלכע פיהרט זיך אין א העכסט "מתן בסתר" גייסט. צוליעב די יעצטיגע שלעכטע עקאנאמישע צייט אין צוליעב די גרויס ארבייטסלאזיגקייט וואס הערשט איבעראל, איז דיעזע אונטערנעהמונג פון גרויס וויכטיגקייט. די הויכע ציפערען פון די פינאנציעלע הילפס ארבייט זיינען לעבעדיגע טרויעריגע עדות אויף נויטווענדיגקייט פון דיעזע הייליגע ארבייט.

אויסער דיעזע "צדקה" אונטערנעהמונג האט אויך די אגודה געגרינ־דעט דא אין שיקאגא א ספעציאלען "גמילות חסדים" פאנד פאר יעדען וואס ווענדעט זיך פאר אן הלואה, אהנע פראצענט, אדער אנדערע שוועריגקייטען און "רעד טייפ". דיעזער פאנד וואס איז געשאפען געווארען מיט איינינע יאהר צוריק מיט א קליינע סומע פון בלויז איינינע הונדערט דאללאר ווערט סיסטעמאטיש פארגרעסערט פון יאהר צו יאהר. און ביי היינטיגען טאג פאר־מאגט דיעזער לאקאלער "גמילות חסדים" אבטיילונג ארום 2 טויזענד דאלאר, און אויסער וואס העלפט דירעקט זייער לאגע דא, העלפט דאס אויך אומדערעקט זעהר פיעל צו פארבעסערען די לאגע אין ארץ ישראל זעלבסט, ווייל דאס מאכט פיעלע צו מאכען ספעציאלע הלואות דא צו שיקען געלט נאך א"י.

אום אָבער דיזע וויכטיגע טהעטיגקייט זאָל נישט בלייבען בלויז אריין לאָקאלער אונטערנעהמונג, האָט די שיקאגאָ'ער אגודה אוועקגעשיקט מיט איינינע יאָהר צוריק אַ סומע פון טויזענד דאָלאר צום "אוצר החסד קרן שמואל" אין ירושלים און דערמיט דאָרט געגרינדעט אַ צווייטען גמילות חסדים אבטיילונג אויף דעם נאָמען פון אונזער אגודה, די פיעלע בריעף און פריוואטע גריסען וועגען די שעהנע הנהלה פון דיזער אבטיילונג, וואָס מיר ערהאלטען רעגעלמעסיג פון ירושלים זיינען פאר אונז אַ שטיקעל טרייסט און שטאָלץ אין גלות, און עס האָט אונז געגעבען נאָך נייע מוטה, און אַ צווייטע סומע פון נאָך טויזענד דאָלאר איז שוין ביי אונז געשאפען געוואָרען לעצטען פסח, און טיכטיגע פערהאנדלונגען געהען שוין אָן צווישען אונז און די פיהרערס אין ארץ ישראל, און מיר ערווארטען גאָר קירצליך צו גרינדען נאָך צוויי נייע "גמילות חסדים" אבטיילונגען אויף אונזער נאָמען אין גליל, איינעם אין צפת און איינעם אין טבריא. דערמיט אָבער איז אונזער אונטערנעמונג נישט פערענדיגט. מיר שטרעבען נאָך אויך ביסלאכוויים אין דיזען סיסטעמאטישען וועג צו אָרגאניזירען נאָך אזעלכע גמילות חסדים אבטיילונגען אין נאָך פיעלע שטעדט פון ארץ ישראל.

דיא שיקאגאָ'ער אגודה האָט אויך ענערגיש און ערפאָלגרייך געארבייט ווען די לעצטע אומרוהען האָבען אויסגעבראָכען אין ארץ ישראל. און אָבוואָהל יעדער איינער האָט דאן געהאט אייגענע צרות, און האָט געמוזט פריוואט העלפען, איבער די קרעפטען, צו די אייגענע ליידענדע פאמיליעס, דאָך אַלס אַן אגודה האָבען מיר געהאלטען פון אלטען כלל "אל תפרוש מן הצבור", און די סומע פון טויזענד דאָלאר איז גלייך געשאפען געוואָרען און איבערגעגעבען צום אלגעמיינעם "פאַלעסטיין עמוירדזשענסי פאָנד", אויסער וואָס אונזער אגודה האָט גלייך געשיקט טעלעגראפיש בעזונדער 500 דאָלאר דירעקט נאָך ארץ ישראל פאר דעם "ישוב הישן" און נאָך 50 דאָלאר פאר דעם "הסתדרות המזרחי הצעיר הארצי ישראלי".

אונזער שיקאגאָ'ער אגודה פארגעסט אויך נישט איהרע פליכטען צום כלל, מיטצוהעלפען אימּמער מאָראליש ווי אויך פינאנציעל אלע אלגעמיינע וויכטיגע שטאָדטישע אונטערנעהמונגען, ווי דער לאָקאלער "ועד הישיבות", בית מדרש לתורה, "ת"ת", "האיאס" א. ז. וו. אין אלגעמיין, קען דאָ געזאָגט ווערען, נעהמט אונזער אגודה אימער אַ דירעקטען טיכטיגען אַנטהייל אין אלע פּראָבלעמען פון דעם היגען "אגודת הקהלות" אין וועלכען זי איז אָפיציעל אָנגעשלאָסען, און אזוי שטעהט אונזער אגודה אימער "על המשמר", מיט אָפענע אויגען, אכטונג־צו־געבען און זעהן ווירקען אז פערזענליכקייטען און פּאָליטיקס זאָל ווי וויית מעגליך אויסגעוואָרצעלט ווערען פון אלע היגע אונטערנעהמונגען, און איבערהויפּט אז דער אלגעמיינער פרעסטיטש און אינטערעסען פון דעם "ישוב הישן" אין ארץ ישראל זאָלען קיינמאָהל נישט ליידען, אום אז אונזערע ערשטע פּיאָנירען זאָלען אימער קריגען זייער געהעריגען חלק אין אלעם וואָס עס ווערט געטאָהן פאר ארץ ישראל און אין נאָמען פון תחית ארץ ישראל.

צום שלום לאָמיר בעטאָנען אז מיר דאָ אין שיקאגאָ זיינען גענצליך

איבערצייגט אז נאָך דיעזע אלע אויבענדערמאנטע איינינגע אונטערנעהמונגען וואָס מיר האָבען דאָ ביז יעצט מעהר אָדער ווייניגער ערפאָלגרייך עררייכט, איז נאָך אלץ אונזער ארבייט גאָר ווייט פון זיין גענוג און פערענדיגט. מיט פעראייניגטע קרעפטען פון אלע בני און בנות ארץ ישראל פון אמעריקא און קאנאדא, אונטער די סיסטעמאַטישע פיהרשאפט פון אונזער ניי־געגרינדעטען "הסתדרות" קען נאָך זעהר פיעלעס געטאָהן ווערען. אַ גרויסער אונטערנעהמונג מוז גלייך אינטענסיוו אָנגעפאנגען ווערען, אין אַ גוט אויסגעארבייטען סיסטעמאטישען פלאן, צו זעהן וואָס אמשנעלסטען צו פארגרעסערען אלע אונזערע קרעפטען איבער גאנץ אמעריקא און קאנאדא, און מיר זאָלען קענען גאָר קירצליך צייגען די וועלט אז די בני און בנות ארץ ישראל פון די פעראייניגטע שטאטען זיינען אַ שטארקער פאקטאָר, און אז זיי קענען און ווילען זיין פעראייניגט אין אַ שטארקען קערפערשאפט. פעראייניגונג! ברידערשאפט! דאָס מוז זיין אונזער ציעל און צוקונפט. איבערהויפט מוזען מיר קאָנצענטרירען א נזערע אלע קרעפטען צו פעראייניגען איבעראל אויך אונזער יונגוואַרג אז אויך זיי זאָלען בעאיינפלוסט ווערען צו אָנפאנגען ארבייטען פאר דעם אידיאל, גייסט און קולטור פון א"י. זאָל א שטראָם פון נייע יונגע פרישע בלוט גלייך טראנספיוזירט ווערען אין די אנגעשטריינגטע פערהארטעוועטע אָדערען פון אונזערע פערשידענע אָרגאניזיאצאָנען און יחידים איבער גאנץ אמעריקא. מיר דארפען און מיר מוזען שטרעבען און טאָהן אַלעס אין אונזערע כחות אז אונזער ניי־געגרינדעטער "הסתדרות" זאָל זיין אַ ווירקליכער פעראייניגונג פון אלע קלאסען און שיכטען פון אונזערע ברידער און שוועסטער, אז דער "הסתדרות" זאָל ווערען דער "בריח התיכון", און דער טרייבקראפט פאר אלע אונזערע ווייטערדיגע טהעטיגקייטען. די שטענדיגע גלייכגילטיגקייט און טויטע קאלטקייט וואָס האָט ליידער ביז יעצט געהערשט ביי אונז מוז גלייך גענצליך אויסגעוואָרצעלט ווערען, און א לעבהאפטיגע טהעטיגקייט מוז גלייך פערנעהמען איהר פלאַץ. דאַן, נאָר דאַן וועלען מיר מיט שטאָלץ קענען זאָגען אז מיר האָבען ווירקליך ערפיהלט אונזער חוב פאר ארץ ישראל.

אחדות! דאָס מוז זיין אונזער צוקינפטיגער מאטאָ!

דובר מנדלזון
(פרעזידענט פון אגודת בני ארץ ישראל)

די אַגודת בני ארץ ישראל אין ניו יאָרק

זעהר פיעל עקספערימענטען זיינען געמאכט געוואָרען אין א משך פון פיעלע יאָהרען מצד פערשיעדענע גרופּען פון די בני ארץ ישראל צו אָרגאַניזירען אַ קערפּערשאַפט פון די בני ארץ ישראל וועלכע זאָל לייסטען און דיענען די אינטערעסען פון די בני ארץ ישראל אידען אין אמעריקא אזוי גוט ווי די אינטערעסען פון די ארץ ישראל אידען אין ארץ ישראל גופא. אָבער אַט די אַלע עקספּערימענטען האָבען זיך ליידער ניט איינגעגעבען. דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלען אויספיהרליך איבער די סבות און שטערונגען. דער פאקט אָבער בלייבט א פאקט. די מחשבה פון די בני ארץ ישראל איז געווען א גוטע אָבער צו קענען רעאַליזירען די דאָזיגע מחשבה איז זיי ניט געלונגען.

די ערשטע אגודה פון די בני ארץ ישראל וועמען עס איז יא געלונגען צו שאפען א חשוב'ען אָרגאַניזירטען כח איז געווען די: „אגודת בני ארץ ישראל" וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין ניו יאָרק אין מאָנאַט מארטש, 1900. און געגרינדעט האָט זיך די אגודה גלייך אין אָנפאַנג מיט דער פּיליך־קראַפט און בעגייסטערונג, מיט אַן אידעאַליסטישען גרונט אַלס נשמה פון דער אגודה און מיט א פּראַקטישע פּראָגראַמע אַלס גוף...

די אגודה האָט געצייגט דער וועלט אז ניט נאָר קענען די בני ארץ־ישראל זיין אָרגאַניזירט און עקזיסטירען אַלס אגודה פאר זיך אליין, זאָנדערן זיינען אויך אימשטאַנד אריינצוברענגען אַ גייסט פון לעבען צווישען אַלע אַנדערע בני ארץ־ישראל אין אמעריקא, און דיענען אַלס דער כח ההשפעה אויך פאר יענע אז זיי זאָלען נאָכפאָלגען דעם ביישפּיעל און זיך אויך אָרגאַניזירען אין די אַלע ערטער וואו דאָס האָט נאָך געפעהלט. דיעזע השפעה איז געקומען א דאנק דעם וואָס די טעטיגקייטען פון די אגודת בני ארץ־ישראל זיינען שטארק קענטיג און פּאָפּולאֶר געוואָרען דורך איהר גוטע און נוצליכע ארבייט אויף אַלערליי געביטען. עס האָט זיך אַ קורצע צייט שפּעטער געגרינדעט די אגודת „אחוה בני ציון". עס האָבען זיך אויך ערוועקט די בני הגליל אין אמעריקא, קוקענדיג אויף דעם ריעזיגען ערפאָלג פון די אגודת בני ארץ־ישראל, און האָבען געגרינדעט די אגודת „עזרת הגליל".

די עכא פון די שעהנע און נאָבעלע ארבייט פון די אגודת בני ארץ־ישראל האָט אויך געגרייכט די וועסט, און עס איז אין שיקאַגאָ געגרינדעט געוואָרען אַ אגודת בני ארץ ישראל, מיט וועמעס גוטע און חשוב'ע ארבייט פאר ארץ־ישראל מיר קענען שטאָלצירען. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך אויך געגרינדעט די „קהלת בני ארץ־ישראל" אין בּאָראָ פּארק, ברוקלין; די אגודה

„דגל בני ארץ־ישראל” אין בראנזוויל. דער גייסט פון ארגאניזאציע האט אויך איינגעדרונגען אין דעם לאגער פון די בנות ארץ־ישראל, און אויך זיי האבען זיך אנגעהויבען צו ארגאניזירען, און צוויי פרויען אגודות זיינען געגרינדעט געווארען אין ניו יארק, דאס זיינען די: „אגודת בנות ארץ־ישראל”, און די אגודת „בנות ציון”, און נאך אנדערע אגודות פון בני און בנות ארץ־ישראל אין אנדערע שטעדט.

עס איז דעריבער א גאנץ באזונדער פארגעניגען און גייסטיגע צופרי־דענהייט פאר די אגודת בני ארץ־ישראל, וויסענדיג אז זי קען זיך מיט שטאלץ אנרופען די מוטער פון די אלע אויסגערעכענטע אגודות פון די בני און בנות ארץ־ישראל אין און אויסער ניו יארק.

